# ליטעראַטור און לשון

הירשע־דוד קאַץ

## צוועלף שיטות, זעקס הונדערט יאָר:
## די ייִדישע לינגוויסטיק

I

אין דער ייִדישער לינגוויסטיק איז געוואָרן אַ טראַדיציע דעם יחוס פֿון דער ייִדישער שפּראַך־פֿאָרשונג צו ציִען אַזש פֿון יאָר 1096. צווישן די נעמען פֿון די קדושים וואָס זענען אומגעקומען אין ערשטן קרייצפֿאָר אין יענעם יאָר, טרעפֿט מען אויך ייִדישע נעמען (אין נירנבערגער "מעמערבוך" איז פֿאַראַן אַשטייגער "יענטל", וואָס שטאַמט פֿון אַ ראָמאַנישן שורש). פֿינקטלעכער גערעדט, זענען די אַלע רשימות נעמען בעצם אַ סכום מיט רווישסאָף פֿאַרן ייִדישן לינגוויסט.

דאָס זעלביקע איז צו הערן אין שייכות מיט רשימות ווערטער. אין גאַנג פֿון די דורות האָט מען אויפֿגעשריבן איינצלנע טייטש־ווערטער צום תנ"ך און אַנדערע ספֿרים. מיט דער צייט האָט מען צונויפֿגעשטעלט גאַנצע רשימות טייטש־ווערטער. פֿון זיי אַנטוויקלען זיך ווערטערביכער פֿון די פֿאַרשיידנאַרטיקסטע זשאַנרען: העברעאיש־ייִדישע און פֿילשפּראַכיקע ווערטערביכער, לעקסיקאָנען לויטן אלף־בית, לויטן שורש, לויט סעמאַנטישע קאַטעגאָריעס (טעזוירוסן), און נאָך. וועגן אָטאָ דעם צווייג פֿון אונדזער אַלט־ייִדישער ליטעראַטור גייט די רייד אין אונדזער איבערבליק א.נ. "די עלטערע ייִדישע לעקסיקאָגראַפֿיע: מקורות און מעטאָדן" (אין "אָקספֿאָרדער ייִדיש" I 1990, זז. 161–232).

דאָ פֿאַרקערט זענען מיר אויסן ניט דעם רווישסאָף און אפֿילו ניט די אינטערעסאַנטסטע זאַמלונגען פֿון רווישסאָף, נאָר וואָס דען: בפֿירושדיקע טראַכטער וועגן ייִדיש, מענטשן וואָס האָבן זיך אויסגעדריקט וועגן דער ייִדישער שפּראַך, זאָל זײַן וועגן דער שפּראַך גופֿא, צי וועגן אַ וואָרט אָדער אַ קלאַנג וואָס אין איר, צי גאָר וועגן אַ דרויסנדיקן ענין וואָס האָט זיי צוגעפֿירט צו ייִדיש.

אויף לויט דער דאָזיקער ענגערער באַנעמונג, איז די יידישע לינגוויסטיק גאָרניט קיין פנים חדשות, ניט אויף דער יידישער און ניט אויף דער קריסטלעכער גאַס. זי פאַרנעמט דווקא אַ בכבודיק אָרט אין דער געשיכטע פון געדאַנקען אין אייראָפּע.

ביי יידן זענען די ערשטע טראַכטער וועגן יידיש (וועמענס טראַכטן איז צו אונדז דערגאַנגען בכתב): אויסגעקליבענע רבנים, גדולי הדור, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין פערצנטן יאָרהונדערט. זיי גיבן זיך אָפּ מיט יידיש דאָרטן וואו ס'האָט אַ שייכות מיט אַ שקלא־וטריא איבער אַ מנהג אָדער אַ דין. אין דעם איז יידיש ניט קיין יוצא־דופן, מחמת די אימפּאָזאַנטע דערגרייכונגען פון דער אשכנזישער רבנישער ליטעראַטור, אויף אַ שלל מיט געביטן, בויען זיך לויט זייער אָרטיקער שייכות מיט אַ הלכהשן ענין.

דער יסודותדיקסטער הלכהשער ענין איז — הלכה גופא, דאָס דאגהן דערפאַר אַז יידן זאָלן אָפּהיטן די מצוות. דער מהרי״ל (ר׳ יעקב בר׳ משה הלוי מולין, בערך 1360–1427) איז געווען איינער פון די גרעסטע אויטאָריטעטן אין אַמאָליקן אשכנז. ער האָט אויפגעשטעלט לדורות דעם באַגריף ״מנהג אשכנז״. ווען דער רמ״א (ר׳ משה איסרליש, בערך 1530–1572) האָט שפּעטער־צו צוגעשריבן זיינע ״הגהות״ צום שולחן ערוך, אין וועלכע ער פאַסט צו דעם ספרדי יוסף קאַראָ'ס ווערק פאַר אשכנזים, האָט ער זיך ניט זעלטן פאַרופן אויפן מהרי״ל ביים פעסטשטעלן דעם מנהג אשכנז.

דער מהרי״ל האָט בפירוש מורא געהאַט, אַז לידלעך אויף יידיש שטעלן אין געפאַר די אָפּהיטונג פון מצוות, אפילו ווען עס גייט די רייד וועגן רעליגיעזע לידלעך. דאָס ווייסן מיר פונעם ״ספר מהרי״ל״, וואָס זיין געטרייער תלמיד, ר׳ זלמן משוטיגווערא האָט צונויפגעשטעלט. דאָרט שרייבט זיך:

> אמר: חרוזות ומשקלות שעושין בלשון אשכנז על הייחוד ועל הי״ג עקרים הלוואי שלא יעשו. מפני שרוב עמי הארצות סבורים שבזה תלוי כל המצוות ומתייאשין מכמה מצוות עשה ולא תעשה על דרך ציצית ותפילין ותלמוד תורה וכה״ג וסבורים לצאת ידי חובתם באומרים אותן חרוזות בכוונה. ובאותן חרוזות אינו רמוז רק עיקר אמונת ישראל ולא אחד מתרי״ג המצוות שישראל מצווין עליהן.
>
> (ציטירט פון: ״מהרי״ל״, סאַביאָנעטאַ 1556)
>
> אויף יידיש:
>
> ער [דער מהרי״ל] האָט געזאָגט: די גראַמען און סטראָפן וואָס מען מאַכט אויף לשון אשכנז [ד.ה. — יידיש] איבער דעם יחוד [ד.ה. וועגן דער איינהייט פון גאָט], און איבער די דרייצן עיקרים [פונעם רמב״ם], הלוואי וואָלט מען ניט געמאַכט, צוליב דעם וואָס די מערסטע עם־הארצים האַלטן אַז אין דעם [אַליין] זענען אָפּהענגיק אַלע מצוות, און זיי זענען זיך מתיאש פון אַ צאָל מצוות ״עשה״ [פּאָזיטיווע מצוות, וואָס



# מהריל

הוא מורינו החכם השלם כמהרר יעקב

בכמר משה הלוי זל שחבר ותקן מנהגי קק אשכנז ולהורות נתן בלבם את הדרך אשר ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון מראשית השנה ועד אחרית השנה

נדפס פה סביוניטה

כבית סיקין כמור טוביה פולא ינון סנת סוז לפק בחדש כיון בנסות סלפה נדולי שלם כלה הם נקוכים נשמות נבוף הכפר

שער־בלאַט פון ר׳ זלמן משוטיגוועראָ׳ס "מהריל" (סאַביאָניסאָ, 1556)

> מען דאַרף טאָן] און ״לא תעשה״ [נעגאַטיווע מצוות, וואָס מען טאָר ניט טאָן], אויפן שטייגער פון: ציצית, תפילין און תורה לערנען און נאָך אַזעלכע, און קלערן אַז זיי וועלן זיך אַרויסדרייען פון זייער פליכט דערמיט וואָס זיי זאָגן [=זינגען?] יענע גראַמען מיט כוונה. אָבער אין די־אָ גראַמען ווערט קיין זאַך ניט אָנגעוויזן אויסער דער עיקר־תמצית פון יידישן גלויבן און קיין איינער ניט פון די תרי״ג [613] מצוות וואָס אין זיי איז אַ ייד פאַרפליכטעט.

נמצא, אַז שעפעדישקייט אויף יידיש וואָס פאָרט זיך מיט אַ שיטה אַז גלייבן איז גענוג און מצוות דאַרף מען ניט אויספירן, איז ״עטוואָס עלטער״ איידער די מזרח־אייראָפּעאישע השכלה און די סעקולאַריזירנדיקע באַוועגונגען וואָס זענען פון איר אַרויסגעוואַקסן.

אָבער ניט מיט דעם שעפּט זיך אויס דעם מהריל״ס אַרבעט אויפן געביט פון יידיש. ביים באַשרייבן די פאַרשיידענע אופנים פון לייגן תפילין, האָט ער גערופן די יידן אין דער געגנט פונעם טייך ריין די ״בני הית״ (העס), אַ סימן אויף דעם אַז דעם ״ח״ האָבן זיי אַרויסגערעדט (און געלייענט) ווי אַ ״ה״. ווערט מען געוואויר, הייסט דאָס, פון מהריל״ס אַ וואָרט, וועגן דער יסודותדיקער דיאַלעקטאָלאָגישער איינטיילונג פון דעמאָלטיקן יידיש (די ״בני הית״ אין די ישובים אַרום דעם טייך ריין, די ״בני חית״ ווייטער צו מזרח־צו אַרום דער דאָניי).

און אַנדערשוואו האָט דער מהרי״ל געפסקנט אַז דעם נאָמען פון טייך דאָניי דאַרף מען שרייבן ניט ״דונאו״ נאָר ״דאנאיי״, לויטן רעגנסבורגער נוסח, ווייל ״די שפּראַך פון די בני רעגנסבורג איז ריינער פאַר די בני עסטרייך״. ביי די רבנים איז טאַקע אַן אימפּעריאַל אַ וואָרט, נאָר וואָס, איטלעך וואָרט אַנטפּלעקט פאַר אונדז אַן עולם ומלואו. פון מהריל״ס פסק קען מען זיך משער זיין, אַז רעגנסבורגער יידיש האָט אין פערצנטן און פופצנטן יאָרהונדערט געשטראַלט מיטן גלאַנץ פון פּרעסטיזש.

אָטאָ דעם פסק, וועגן נאָמען פון דער דאָניי, האָט דער מהרי״ל אַרויסגעלאָזן אין זיינער אַ תשובה וועגן דעם, ווי אַזוי מ׳דאַרף אויסשרייבן אַ גט. טאַקע אין הלכות גיטין ליגן פאַרבאָרגן אומצייליקע אוצרות פון דער אַמאָליקער יידישער לינגוויסטיק. דער יידישער דין פאָדערט דאָך אַז אין אַ גט זאָלן געשריבן ווערן פּינקטלעך די נעמען פונעם מאַן מיט דער פרוי, און פון דער שטאָט, און פונעם טייך ביי וועלכן די שטאָט געפינט זיך. ביי פּרט־נעמען פאָדערט דער דין, מ׳זאָל אַריינשרייבן אויך דעם טאָגטעגלעכן נאָמען, אין צוגאָב צום אָפיציעלן נוסח (״רבקה המכונה ריזוע״, ״יהודה המכונה לייב״). היות ווי אַ גט איז גלאַט פסול טאָמער שטייט דער נאָמען פאַלש געשריבן (און אויב דער גט איז פסול זענען קינדער פון אַ צווייטן שידוך גאָר ממזרים), האָט מען זיך שוין איינמאָל מטריח געווען אויף צו דערגיין די יורידיש־ריכטיקע שרייבונג. דאָ האָבן זיך ברייט געעפנט טירן און טויערן, סיי פאַר

סיסטעמאַטישע לינגוויסטישע שילדערונגען סיי פאַר טעאָריעס וועגן "סטאַנדאַרדקייט" ביי נעמען און ווערטער, וואָס שטאַמען גאָרניט פון לשון קודש, ביי ווערטער וואָס זענען נאָר און בלויז — יידיש.

בשעת מעשה האָבן די גרעסטע רבנישע קעפּ, וואָס אין אשכנז, זיך אָפּגעגעבן מיט אַלערליי פרטים פון יידישע קלאַנגען, דיאַלעקטן, אָרטאָגראַפיע, רימינוטיון, א.ר.גל. ענטפערנדיק אויף אַ שאלה, למשל, צי מען זאָל שרייבן מיט חית אָדער מיט כף אַזעלכע נעמען ווי "מיכל", "יכנס" און "יוכל", האָט איסרלין (ישראל בן פתחיה, בערך 1390–1460) אָנגעווענדט דעם פּרינציפּ פון אינטערדיאַלעקטישקייט: וויבאַלד אַז חית לייענט מען אין ריין־געגנט ווי אַ הא גאָר, איז בילכער נוצן כף, ניט קוקנדיק וואָס כף קען מען גאָר פאַרמישן מיטן כף מיט אַ דגש. ווערן מיר דערפון געוואויר ווי אַזוי עס האָט זיך איינגעבירגערט ביי אונדז כף אָנשטאָט חית, בשעת ווען אין אַנדערע פאַלן מיידט אויס די יידישע אָרטאָגראַפיע סיסטעמאַטיש די אַמביוואַלענטע שרייבונגען פון דער בגד־כפת סעריע (אין דער פאָנעטישער סיסטעם, ביי אַלע ניט־סעמיטישע ווערטער, נוצט יידיש וואו נאָר מעגלעך אַ פאַראַלעלן אות ניט פון די בגד־כפת — "וו" אָנשטאָט "ב", "ק" אָנשטאָט "כ", "ט" אָנשטאָט "ת", "ס" אָנשטאָט "ת").

דער מהר"ם מינץ (משה בן יצחק, פופצנטער יאָרהונדערט) איז פון אַרומרעדן די שרייבונגען פון יידישע נעמען אַריבער אויף דער צערעמאָניע וואו מ׳פלעגט געבן אַ נייגעבאָרן מיידעלע אַ נאָמען (ערטערווייז אויך אַ יינגעלע). די־אָ צערעמאָניע רופט זיך "האָלעקרייש" (אָדער "האָלעקראַש") ביי טייל מערבדיקע אשכנזים ביז אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אַריין. האָט דער מהר"ם מינץ אַ שפרונג געטאָן פון דער שאלה, צי מען זאָל שרייבן "חנה" אָדער "חנלין", ביז צום תירוץ, אַז יונגערהייט האָט מען זי גערופן "חנלין", שפּעטער־צו "חנה". פון תירוץ שפרינגט ער ווידער אַריבער ביז צו אַ נייער קשיא, וועגן דער עטימאָלאָגיע פונעם נאָמען פון דער האָלעקרייש צערעמאָניע וואו מ׳גיט דעם טאָגטעגלעכן נאָמען, דעם שם חול. דער מהר"ם דרינגט טאַקע אָפּ "האָלעקרייש" פון לשון "חול" (דעם חית האָט מען דאָך אין זיינע מקומות אַרויסגערעדט ווי אַ הא). ער איז גורס "חול־קרייש", וואו "קרייש" איז טייטש "געשריי", מחמת ביי דער צערעמאָניע נעמט מען און מ׳שרייט אויס אַלע אינאיינעם דעם חול־נאָמען — דעם טאָגטעגלעכן נאָמען פון קינד. קעגן (אויך פאַר) דער ריכטיקייט פונעם מהר"מס עטימאָלאָגיע האָט מען אַ סך געשריבן, דאָס איז אַלץ דאָ ניט צום ענין. צום ענין איז אָט וואָס: דער מהר"ם מינץ האָט דער ערשטער אַנאַליזירט אַ יידיש וואָרט היסטאָריש און פאָרגעשלאָגן אַן עטימאָלאָגיע.

אַזוי אַרום, האָבן רבנישע שקלא־וטריאס דעם שטויס געגעבן צום אויפקום פון דער יידיש פאָרשונג. "לינגוויסטיק לשמה" איז ביי אשכנזים געווען אַ גרויסע זעלטנהייט (להיפוך צו די ספרדישע געלערנטע פאַרן גירוש ספרד). דאָרטן וואו זי

האָט פונדעסטוועגן אויפגעשפּראָצט האָט מען געפּאָרשט אויך יידיש. אויפן ערשטן אָרט וואַרפן זיך אין די אויגן די אויפטועך פון אליה בחור (1549–1468). די וויכטיקסטע בפירושדיקע באַמערקונגען זיינע וועגן יידיש טרעפט מען אין זיין "תשבי" (איסני, 1541). שוין אין נאָמען פונעם ווערק, שפּידט זיך ר׳ אליה׳ס ליבשאַפט צו ווערטער און צום שפּילן זיך מיט ווערטער: "תשבי" איז אַ היסטאָרישער רמז אויפן נאָמען אליהו ("אליהו התשבי"); און בגמטריא מאַכט "תשבי" 712 און אינעם ווערק גייען טאַקע אַריין 712 ווערטער. בתוכם טרעפט מען אויך "מעקן", "משקיס", "סאַרגענעס" און "קאַטאָוועס". ווי אַ רואה את הנולד, ווענדט אליה בחור אָן אַ מעטאָדאָלאָגיע וואָס איז בפירושערהייט אויסגעאַרבעט געוואָרן ערשט אין ניינצנטן יאָרהונדערט: דעם "קאָמפּאַראַטיוון מעטאָד". לויט אָט דעם מעטאָד, דאַרף אַ השערה וועגן אַן עטימאָלאָגיע שטרענג קאָנטראָלירט ווערן דורך די פּאַראַנענע רעגלמעסיקע צווישן־שפּראַכיקע קאָרעספּאָנדענצן ביי ווערטער וועמענס אָפּשטאַם עס איז נ י ש ט מוטל בספק. נעמענדיק אין באַטראַכט אַז דאָס אַלץ האָט אליה בחור אויסגעאַרבעט אין דער ערשטער העלפט פון זעכצנטן יאָרהונדערט, ווערט קלאָר אין וואָסער ניוואָ עס גייט די רייד. דעם באַקאַנטסטן ביישפּיל שטעלט מיט זיך פאָר דאָס וואָרט "קאַטאָוועס". פאַרגלייכנדיק דאָס וואָרט מיטן משקל פון "בטלנות", "חלשות", "פּזרנות" וכו׳ האָט אליה בחור אָפּגעלערנט אַז "קאַטאָוועס" איז אייגנטלעך — כתבות, פון העברעאישן שורש "כתב", און געוואוסט אפילו צו דערציילן אַז דאָס שטאַמט פון דער אַמאָליקער "גראַפיטי" אין רוים, וואו מ׳פלעגט שרייבן ביינאַכט ליצנותדיקע פּאַשקווילן אויף די טירן פון הייזער.

## II

אין גייסט פונעם אייראָפּעאישן הומאַניזם האָבן קריסטלעכע געלערנטע שטודירט העברעאיש, אַראַמיש, סיריאַקיש, אַראַביש און אַנדערע סעמיטישע שפּראַכן. דער הויפּט־ציל איז געווען, צוצוגעווינען פאַר דער אייראָפּעאישער קולטור די פאַרגעסענע אוצרות פון אַלטערטום. טייל פון אָט אָ די קריסטלעכע געלערנטע האָט אַ צופּ געטאָן אַ נייגעריקייט אויך צו דער טאָגטעגלעכער שפּראַך פון די יידן אין צענטראַל אייראָפּע, וואָס האָט דאָך געהאַט אין זיך אַ קענטיקן סעמיטישן עלעמענט. האָט מען זיך גענומען צו יידיש ווי אַ "ביי־געביט", אַ צוגאָב צו העברעאיש, און אפשר אויך אַ בריק צו העברעאיש. אַ סברא אַז דאָ האָט געשפּילט אויך אַ ראָלע דער צוציאונגס־כח פון דער "עקזאָטיק": אַ לשון וואָס פאַראייניקט אין זיך איבערגעאַנדערשט־פאַריידישטע עלעמענטן פונעם באַקאַנטן געמאַניש מיט לעבעדיקע רעשטלעך פון אוראַלטן לשון קודש און אַראַמיש; דאָס אַלץ, אָנווענדיק דעם העברעאישן אַלפאַבעט וואָס מ׳האָט פון מזרח אַריינגעטראָגן אין אייראָפּע אַריין.



JOHANNIS BUXTORFI

THESAURUS GRAMMATICUS

LINGUÆ SANCTÆ Hebrææ

*Duobus libris methodicè propositus*

Quorum prior vocum singularum naturam & proprietates, alter vocum conjunctarum rationem & elegantiam universam, accuratissimè explicat.

ADJECTA

*Poëseos Hebraicæ accurata Tractatio.*
*Lectionis Rabbinicæ solida instructio.*
*Lectionis Hebræo-Germanicæ usus & exercitatio.*

IN INCLYTA HELVET.
BASILEA,
Typis CONRADI WALDKIRCHI.
CIϽ IϽC IX.

שער־בלאַט פֿון יאָהאַן בוקסטאָרפֿ'ס העברעאישער גראַמאַטיק, וואו עס ווערט רעקלאַמירט אַז דאָס בוך נעמט אויך אַריין אַ קאַפּיטל וועגן יידיש (באַזעל, 1609)



* )o( *

§. III.
Von den
DIPHTHONGIS.

Sie sind zweydeutig, ja oft 3 und 4 deutig.

| | | | |
|---|---|---|---|
| ae | - | [illegible] | - [illegible] schämen. |
| au | - | [illegible] | - [illegible] Baum. |
| aͤ | - | [illegible] | - [illegible] Häuser. |
| ei | - | [illegible] | - [illegible] Wahrheit. |
| aͤ | - | [illegible] | - [illegible] häufig. |
| oe | - | [illegible] | - [illegible] göttlich. |
| ů | - | [illegible] | - [illegible] künstlich. [illegible] nötig. |

Zweyter Abschnitt
Von den Wörtern im Jüdischteutschen.

§. IV.

Die Juden mischen teils aus Liebe zur Hebräischen Sprache, teils aus Neigung zum sonderlichen Wesen, teils um denen Christen desto unverständlicher zu werden, ausser einigen veralteten hoch und platteutschen Wörtern in ihre Reden und Schriften 1) hebräische, 2) hebraisirende, 3) sonderliche Wörter mit ein.

§. V.

A) Von teutschen Wörtern, und wie dieselben gemishandelt werden.

Weil die Juden die teutsche Sprache für eine Heydensprache halten, so schätzen sie dieselbe einer genauern Erlernung nicht würdig. Sie schreiben ohne Dikduk, sie unterscheiden nicht allemal, die numeros, genera, die substantiva von adjectivis, u.s.f. Wie sie sich nun um die Richtigkeit unserer Sprache wenig bekümmern, so ist ihnen noch viel weniger an der Reinigkeit derselben gelegen. Zur Verderbung der teutschen Wörter, so wol im Schreiben, als in der Aussprache, mögen wol die polnischen Juden nicht wenig beytragen, welche häufig in Teutschland kommen, und zum Unterricht der Judenkinder gebraucht werden. Doch sucht die Nation an allen Orten, auch ausser Teutschland, darin etwas herrschaftliches, wenn sie von der Landessprache etwas abweicht, und sich verzopfterer, verschobenerer und geradbrochenerer Worte bedienet.

Sie verderben die teutschen Wörter (prosthesis.)

I. Durch Vermehrung von vorne, indem sie

a) ein d vor Wörter setzen, die sich von einem e anfangen, zumal wenn sie 3 und mehr Sylben haben.

| | | | |
|---|---|---|---|
| [illegible] | dererben | an statt | ererben. |
| [illegible] | derheben | - | erheben. |

b) indem sie bisweilen nach einiger Landesart eine Sylbe ge voranflicken, z. E.

| | | | |
|---|---|---|---|
| [illegible] | gefinden | an statt, | finden. |
| [illegible] | gelustig | - | lustig. |
| [illegible] | gewähren | - | währen. |
| [illegible] | Gezahl | - | Zahl. |

c) indem sie (per epenthesin) schreiben

| | | | |
|---|---|---|---|
| [illegible] | heint | an statt | heute. |
| [illegible] | Gelernter | für | Gelehrter. |

II. Durch Verstümmelung. Vorn, in der Mitte und am Ende.

a) aphæresis [illegible] erab an statt herab.

| | | |
|---|---|---|
| für Kliefer | - | Löser. |
| [illegible] Akifa | - | Bife. |
| [illegible] Immanuel | - | Mänle. |

b) syncope [illegible] as an statt als.
[illegible] aso - also.

X 2 [illegible]

אַ זייטל פֿון ווילהעלם קריסטיאַן יוסט קריזאַנדער'ס יידישע גראַמאַטיק (וואָלפֿענביטעל, 1750)

דאָס עלטסטע באַקאַנטע בוך וואָס האָט דאָ אַ שייכות איז יאָהאַן בעשענשטיין׳ס *Elementale introductorium in hebreas literas teutonice & hebraice legendas*. דאָס איז אַן עלעמענטאַריש און שטאַרק אומבאַהאָלפן האַנטביכל פון העברעאיש, געדרוקט אין אויגסבורג אין מאַי 1514. בעשענשטיין (1472–1540) איז געווען אַ שילער ביי יאָהאַן רייכלין (1455–1533), דעם באַרימטן גרינדער פון העברעאישע שטודיעס ביי דייטשישע געלערנטע. ניט קוקנדיק וואָס בעשענשטיין אַליין איז געווען אַ קנאַפּער קענער, האָט ער זיך "צוויי מאָל" קונה שם געווען אין דער געשיכטע פון דער יידיש פאָרשונג: ראשית, מיטן אַריינגעמען אַ לעקציע וועגן יידיש אין אָסאָ דעם ביכל זיינעם; והשנית, דערמיט וואָס מיט אַ יאָר פיר שפּעטער, אין 1518, האָט ער צוגעקלעפּט אַ רעקלאַמע אויף דער טיר פון אַ רעגנסבורגער אכסניא, וואו ער איז מוסר מודעה, אַז ער איז גרייט יעדן אויסצולערנען יידיש פאַר אַ באַשיידענעם שכר־לימוד, אין משך פון זעקס טעג. ביי וואָלט ער אונדז איבערגעלאָזט דעם סוד, ווי אַזוי מ׳מאַכט עס...

אויב אָפּשאַצן בעשענשטיין לויטן איכות פון די פּאָר זייטלעך וועגן יידיש אין זיין ביכל פון 1514, וואָלט בלייבן אַז דאָס איז אַ קריסטלעכער דרדקי־מלמד, וואָס קען קנעלן אלף־בית און שוין. אָן אַ שיעור העכער איז דער ניוואָ ביי יאָהאַן בוקסטאָרף (1564–1629), וועמענס באַוואוסטער *Thesaurus grammaticus linguae sanctae hebraeae* (באַזעל, 1609) שליסט זיך מיט אַ הויך אַנטוויקלטן קאַפּיטל וועגן דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור. ס׳גייען אין אים אַריין: אַ ביבליאָגראַפיע פון יידישע ביכער (רעליגיעזע און וועלטלעכע); דער אלף־בית און די כללים פון אויסלייגן יידיש; אַן איבערבליק איבער דעם, ווי אַזוי די יידישע מאָרפאָלאָגיע אינטעגרירט עלעמענטן פון פאַרשיידנאַרטיקן אָפּשטאַם. צווישן די דוגמאות ברענגט דער מחבר דעם פעריפראַסטישן ווערב "תפילה טאָן", דעם סינטעטישן ווערב "געגנבעט" און דעם אַבסטראַקטן סובסטאַנטיוו "עזותקייט". וואָס שייך דיאַלעקטאָלאָגיע, האָט ער פעסטגעשטעלט אַ גרונט־מחיצה, צווישן דעם דייטשישן יידיש (מערב יידיש) און דעם פוילישן (צענטראַל־מזרח יידיש).

בוקסטאָרפ׳ס קאַפּיטל איז געוואָרן דער מוסטער פאַר די צוגאָב־קאַפּיטלעך וועגן יידיש אין קריסטלעכע גראַמאַטיקעס פון העברעאיש, למשל ביי זענערט אין זיין *Rabbinismus* (וויטענבערג, 1666), און ביי פּפייפער אין זיין *Critica sacra* (דרעזדען, 1680). נאָר וואָס, בוקסטאָרפ׳ס "קרוין" אַלס "פּאָטער פון דער יידישער גראַמאַטיק" איז די לעצטע יאָרן אַריינגעפאַלן אין ספקות. הערמאַן זיס, אַ ביבליאָגראַף פון עלטערן יידיש (לויטן פאַך איז ער ביזן היינטיקן טאָג אַן אייזנבאַן קאָנדוקטאָר) האָט אַנטדעקט אַ פריער ניט באַמערקטן קאַפּיטל וועגן יידיש אין *Grammaticae hebraeae compendiosa institutio* (אַנסבאַך, 1607) פון יאָהאַן מיילפּירער. פאַראַן אַ ריי בשותפותדיקע שטריכן סיי ביי מיילפּירער און סיי ביי

בוקסטאָרף, אַזוי אַרום אַז ס׳קען גרייַלעך זייַן אַז ביידע האָבן אָפּגעירשנט פון אַן עלטערער טראַדיציע פון זעכצנטן יאָרהונדערט וועלכע איז אונדז אָבער נאָך ניט באַקאַנט.

## III

אַנדערע האָבן באַנוצט ייִדיש ווי אַ מיטל צו — פּרנסה. ס׳גייט די רייד וועגן צוניפשטעלער פון פּאָפּולערע האַנטביכלעך און ווערטערביכער. קיין קונים האָבן ניט אויסגעפעלט. די נייַגעריקסטע בעלנים זענען געווען געשעפטסלייט ווייַל ס׳איז וויכטיק געווען קענען ייִדיש צוליב פּראַקטיש־סוחרישע סיבות. מ׳וויל קענען די שפּראַך פון קונים און — קאָנקורענטן. להיפּוך צו די הומאַניסטיש־אינספּירירטע מחברים, וועמענס אַדרעסאַט עס איז געווען אַן עולם געלערנטע וועלכע לייענען לאַטייַן, זענען די פּראַקטישע לערנביכלעך געווען געשריבן אויף דייַטש פאַרן מאַסן־עולם. דאָס ערשטע ווערק פון דעם מין איז פּויל העליצעס *Elemental oder lesebüchlein* (הונדרעספּעלד, 1543). דער מחבר איז געווען אַ משומד, איינער פון די באַקאַנטע העליץ ברידער וועלכע האָבן געשפּילט אַן אָנזעעוודיקע ראָלע אינעם אויפקום פון ייִדישן דרוק־וועזן אין די 1530ער און 1540ער יאָרן. פּויל העליצעס ביכל גיט זיך אָפּ דער עיקר מיט דעם וואָס איז דעם געשעפטסמאַן אָמוויכטיקסטן — די אַלפאַבעטישע סיסטעם ציפערן, ייִדישע נעמען פון מטבעות, חדשים, ראַטעס. ווי אַ "גוטער משומד" נעמט העליץ אַרייַן "אונדזער פאָטער אין הימל", די קריסטלעכע תפילה וואָס דינט פאַראייַנוועגס אין דער קריסטלעכער ציוויליזאַציע פאַר אַ באַליבטן טעקסט ביים לערנען זיך שפּראַכן. דערצו ברענגט דער מחבר דעם ייִדישן טעקסט פון אַ שולד־ווערקסל.

אין 1731 איז אַרויס אָפּענהיימערס *Hodegus ebraeo-rabbinicus*. דער טיטל איז טאַקע אַ לאַטייַנישער (אַזאַ מאָדע, עלעהיי ביי פּשוטע ייִדישע ביכלעך מיט אַ העברעאישן שער־בלאַט). אינעווייניק איז דאָס אָבער אַ פּאָפּולער געשעפטלעך האַנטביכל אויף דייַטש, מיט אותיות, ציפערן און ראַטעס. דער מחבר דערלאַנגט אויך אַ רשימה מיט געאָגראַפישע נעמען און ייִדישע און קריסטלעכע פּערזענלעכע נעמען. ס׳איז אַלץ אַ קפיצת הדרך צום "געשעפטלעכן ייִדיש".

פאַראַן אויך ספּעציאַליזירטע האַנטביכער צו פאַרשיידענע פאַכן. מ׳געפינט אַשטייגער אַן אָפּטיילונג וועגן ייִדיש אינעם *Vol-eingerichtete Buchdruckerey* (נירנבערג, 1733), אַ לערנבוך פאַר זעצער און דרוקער. און ביזן היינטיקן טאָג מוז יעדער ערנסטער פאָרשער פון די אַמאָליקע מערב־ייִדישע דיאַלעקטן אָנקומען צו וואָלף עהרענפריד פאָן רייצענשטיינ׳ס *Vollkommene Pferde-Kenner* (אופנהיים, 1764). דאָס איז אַ גרויסאַרטיק ווערק וועגן — פערד, און אַלצדינג וואָס האָט מיט פערד צו טאָן, מיט אַ סך געטריע אילוסטראַציעס. אין בוך גייט אַרייַן אויך אַ


vnnd alzeit widerumb ich will Das, einkaufn sein
זיין · איין קויפֿן · דש וויל איך ווידער אום אלזייט אויך
befolen gothe Domit / verdinen dich
דיך ווערדינען · דא מיט גוט בעפֿולן ·

Schuldbrif.

meiner dieser mit bekenne .N. vndengenanter Ich
איך אונדען גענענטער · נ · בעקען מיט דיזער מיינער
aufrichtiger .N. Erbarn dem ich Das. hantschrift
הנט שריפֿט · דש איך דעם ערבירן · נ · אויף ריכֿטיגער
zu gülden Den floren .58. bin / wurden schuldig schuld
שולד שולדיג ווארדען בין · נח · גולדין · דען פֿלורען צו
im von ich die waren vor gerechent weis groschen / 34
לד גרושין ווייס גערעכֿענט · פֿור ווארן די איך בין אים
ob floren .58. solche im gelob Vnd hab empfangen
עמפפֿאנגען הב · אונד געלוב אים זולכֿע · נח · גולדין · אוב
dank gutem zu vnd völliglich wirden vnd zal berürter
בערירטער צאל אונד ווירדען · וועליקליך אונד צו גוטעם דנק
Wo. negstkünfftig Johannis vf betzalen zu vorzug on
און ווארצוג צו בעצאלן אויף יוהנים נעכסט קונפֿטיג · וואו
ich glob so. wird seümig zalung solcher mit aber ich
איך אבער מיט זולכֿער צאלונג זוימיג ווערד · זא גלוב איך
derhalben er so schaden die alle ich das hinnt ime
אים הינט דש איך אלע די שעדען · זא ער דער האלבען

דער יידישער שולד־בריוול וואָס פּויל העליץ ברענגט אין זיין האַנטביכל
פאַר געשעפֿטסלייט (הונדעספעלד, 1543)


Elemental / oder lesebüchlen / Doraus
meniglich / mit gutem grund vnderwisen
wirt / wie man deütsche büchlen / Missiuen
oder Sendbriue / Schuldbriue / so mit
ebreischen / oder Jüdischen buchstaben
geschriben werden. Auch die Zol / Jar /
Monad / vnd anders zu gehörig
lesen vnd versten sol. Ist
nemlich an tag gegeben.

Gedruckt zum hundesfeld.
durch paul heliez.

M. D. XXXXIII

V. RHEDIGERSCHE STADT-BIBLIOTHEK ZU BRESLAU

שער־בלאַט פֿון פּויל העליצעס האַנטביכל פֿון יידיש
פאַר געשעפֿטסלייט (1543)

גאַנץ היפּשלעכער קאַפּיטל וועגן ספּעציפֿישן לשון פֿון די ייִדישע פֿערדהענדלער. אָסאָ דער דיאַלעקט ווערט פּרטימדיק געשילדערט, סיי אין אַ ווערטערביכל, סיי אין דיאַלאָגן צווישן ייִדישע פֿערדהענדלער. דאָ איז אויפֿן אָרט צו דערמאָנען איינעם פֿון די סענסאַציאָנעלע אויפֿטוען פֿון דער מאָדערנער ייִדישער דיאַלעקטאָלאָגיע. אין 1954 האָט ד״ר פֿלאָרענץ גוגענהיים־גרינבערג פֿאַרעפֿנטלעכט אין ערשטן באַנד פֿון אוריאל ווײַנרײַכס *Field of Yiddish* די טראַנסקריפּציע פֿון אַ דיאַלאָג צווישן צוויי ייִדישע פֿערדהענדלער אינמיטן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. זי האָט אַנטדעקט אין דער שווײַץ, צוויי שטעטלעך, ענדינגען און לענגנאַו, וואו ייִדישע פֿערדהענדלער האָבן אויפֿגעהיט זייער געירשנט לשון. זייער ייִדיש־פֿערדהענדלעריש לשון איז ביז גאָר ענלעך אויפֿן לשון וואָס ווערט באַשריבן ביי רייצענשטיינען אין 1764.

אין דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער לינגוויסטיק האָט ניט איינמאָל געטראָפֿן אַז ״מתוך שלא לשמה בא לשמה״. די קרוין פֿון די אַנטיביכער אויף אויסצולערנען זיך ייִדיש איז אָן אַ ספֿק קאַרל ווילהעלם פֿרידריכ׳ס *Unterricht in der Judensprache und Schrift* (פּרענצלאַו, 1784). דאָס ווערק איז טאַקע אויסן דעם פּראַקטישן שפּראַך־לימוד. דער מחבר איז אָבער געווען, פּשוט גערעדט, צו טאַלאַנטירט ער זאָל זיך באַגרענעצן אויף די מינימאַלע באַדערפֿענישן פֿון געשעפֿטסלייט וואָס ווילן לייענען אַ שולד־וועקסל. פֿרידריך האָט מייסטעריש באַשריבן דעם ייִדיש פֿון מזרח פּרייסן (פֿון וועלכן עס איז קיין שפּור ניט פֿאַרבליבן אין אונדזער היינטיקן לשון). אין זיין ווערק גייט אַריין אַ גלענצנדיקער ווערטערבוך וואָס שפּרודלט מיט ווערטלעך און אויסדרוקן. אויף איינעם וואָס רעדט צופֿיל גיט ער אָן: ״דאָס מויל שטייט ביי אים אַזוי ווייניק שטיל ווי אַ מילראָד״. אויף אַ צו גרויסער, אומגעלומפּערטער זאַך זאָגט מען: ״נחס תיבה״.

פֿרידריך איז בדיעבד געווען דער ערשטער סאָציאָלינגוויסט פֿון ייִדיש, מיט דעם וואָס ער האָט אַרומגערעדט פֿאַרשיידענע סטילן פֿון דער שפּראַך. ער ווייס צו דערציילן, אַז פֿאָרמעל זאָגט מען ״מילכאָמע״ און אומפֿאָרמעל: ״מיכאָמע״. ״דבש״ איז טייטש ״האָניק״ נאָר קאָלאָקוויאַל ווענדט מען עס אָן אין זיין דיאַלעקט אויף צוקער.

פֿרידריך האָט זיך אָבער ניט באַנוגנט מיטן אייגענעם דיאַלעקט. ער האָט דער ערשטער אויפֿגעשטעלט אַ קלאַסיפֿיקאַציע פֿון אַלע ייִדישע דיאַלעקטן — סיי מערבדיקע סיי מזרחדיקע — איבערן גאַנצן שטח פֿון דער אשכנזישער אייראָפּע. דערצו האָט ער אונדז געשאָנקען אַ וועלט מיט דיאַלעקטישע פּערעלעך. ער שרייבט וועגן ״כאָטש״, ״כאָטשע״ און ״כאָטשיק״; וועגן דעם אַז אויף ״לאָקשן״ זאָגט מען אין קליין־פּוילן ״לעקשלעך״ און אויף ״הויזן״ — ״פּלודערן״. ערשט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט מען פֿרידריכן באַקרוינט לויט ווי ער האָט זיך פֿאַרדינט: פֿאָטער פֿון דער ייִדישער דיאַלעקטאָלאָגיע.

# Unterricht
in der
# Judensprache,
und
# Schrift.
zum Gebrauch
für
Gelehrte und Ungelehrte.

von

öffentlicher Lehrer der französischen Sprache,
beym Prenzlowschen Lyceo.

---

Mit Königl. Preußl. allergnädigstem Privilegio.

---

Prentzlow, gedrukt bey Chr. Gottf. Ragoczy. 1784.

שער־בלאַט פֿון קאַרל ווילהעלם פֿרידריכ'ס האַנטבוך פֿון יידיש, וואו עס גייט אַריין די ערשטע קלאַסיפֿיקאַציע פֿון די יידישע דיאַלעקטן (פּרענצלוי, 1784)

## IV

מיסיאָנערן האָבן אין משך פון הונדערטער יאָרן באַנוצט ייִדיש ווי אַן עיקרדיקע כלי אײַנעם דראַנג צוצופירן ייִדן צום קריסטנטום. זיי האָבן שטודירט ייִדיש און געלערנט מיט אַנדערע. שטודירט — בכדי צוצוקומען צו ייִדן אין זייער טאָגטעגלעכער שפּראַך (נאָך מערערע דורכפאַלן נוצנדיק קריסטלעכע שפּראַכן אָדער העברעאיש). געלערנט מיט אַנדערע — בכדי "אויסלערנען דעם פאַך" אַלץ נײַע דורות מיסיאָנערן. דער גרינדער פון אָט דער ריכטונג אין דער ייִדיש פאָרשונג איז געווען עליאַס שאַדעאוס (שאַדע), וועמענס *Mysterium* (שטראַסבורג, 1592) איז כולל אַ קאַפּיטל וועגן ייִדיש וואו מ'טרעפט צימצומדיקע, קלאָרע באַמערקונגען איבער פאָנאָלאָגיע, לעקסיקאָגראַפיע און מאָרפאָלאָגיע (און אפילו פאָרשלאַגן וועגן רעפאָרמירן דעם ייִדישן אויסלייג). אַחוץ די מאָרפאָלאָגישע פאָרמולן לויט וועלכע ס'פאַראייניקן זיך אין ייִדיש שרשים פון גערמאַנישן און סעמיטישן אָפּשטאַם, ברענגט שאַדעאוס אויך ספּעציפישקייטן אין תחום פון גערמאַנישן קאָמפּאָנענט גופא, אַשטייגער די סיסטעם ייִדישע דימינוטיוון. דאָס אַלץ, נאָך איידער מיילפירער און בוקסטאָרף האָבן זייערע ווערק אַרויסגעגעבן אין 1607 און 1609.

אַ הויכפּונקט האָט די מיסיאָנערישע שול פון ייִדיש פאָרשער דערגרייכט אין 1729, ווען יאָהאַן היינריך קאַלענבערג (1694–1760) האָט אויפגעשטעלט אַן אוניווערסיטעטישן קורס פון ייִדיש, צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע. דאָס איז געווען אויפן אוניווערסיטעט אין האַלע, וואו ער איז געווען פּראָפעסאָר פון אָריענטאַלישער פילאָלאָגיע.

אין 1733 איז אַרויס (אויף דײַטש) קאַלענבערגס קאָנספּעקט וועגן ייִדיש פאַר זײַנע סטודענטן. שוין אויף דער ערשטער זײַט דערקלערט ער (דאָ איבערגעזעצט אויף ייִדיש): "עס גייט דאָ די רייד וועגן אַן אָנזעעוודיקער אויסמישונג; אַ לײַכטע פאַרמישונג מאַכט ניט קיין אייגענע שפּראַך". אָט אַזוי אָ האָט זיך אַרויסגעזאָגט אַ מיסיאָנער אין 1733. שפּעטער־צו אין זעלביקן יאָרהונדערט האָבן דאָך די בערלינער משכילים, שטאָלצע ייִדן אַלע, געגומען באַשמירן מיט סמאָלע דעם "העסלעכן זשאַרגאָן". די געדאַנקען־געשיכטע איז פול מיט מערקווערדיקייטן...

אין 1736 איז דערשינען קאַלענבערגס ווערטערבוך. דער ווערטערבוך שיידט זיך אונטער פון די מערסטע קריסטלעכע ווערטערביכער פון ייִדיש מיט דעם וואָס די ייִדישע ווערטער (מערסטנטייל זענען דאָס סעמיטיזמען) ווערן געבראַכט מיטן ייִדישן אַלפאַבעט. מ'געפינט דאָרטן "אוהבשע" (ד.ה. ליובאָוויצע); "אושפיז־בית" (אכסניא); "רגזנות" (כעס). דער מחבר איז אָבער געווען אַ נאָרמאַטיוויסט און האָט געהאָפט אויך צו ווירקן אויפן ייִדישן לעקסיקאָן. ער האָט געוואָלט אויפשטעלן אַ פּאָזיטיוון אימאַזש פון קריסטן און ער האָט וואויל פאַרשטאַנען אַז דערויף דאַרף מען

## Jüdischteutsches wörterbüchlein.

| | |
|---|---|
| Ohnmacht. | חולשות |
| Ohren. | אזניים |
| Ohrenbläser. | רכילות טרייבר |
| Opfer. | קרבן |
| - zum opfer widmen. | צום קרבן מקדש זיין |
| - sich dem tod als ein opfer widmen. | זיך מכין ומקדש למיתה זיין אלז איין קרבן |
| - um die zeit des abendopfers, (drey uhr nachmittags.) | אום מנחהצייט |
| - schuld und sündopfer. | קרבן אשם וחטאת |
| Opfern. | מקרב זיין |
| Opfern, das. | |
| - der in opfern bestehende gottesdienst. | עבודת הקרבנות |
| Ordnen. | מסדר זיין<br>מתקן זיין |
| Ordnung. | סדר |
| - nach der ordnung. | כסדר |
| - in solcher ordnung. | בסדר הזה |
| - nach der ordnung der schöpfung. | כסדר הבריאה |
| Ort. | מקום |
| - an diesem ort. | בזה המקום |
| - von einem ort zum andern. | ממקום למקום |
| Ostern. | פסח |
| - osterfest. | חג הפסח |
| - osterabend. | ערב פסח |

Palm=

אַ זייטל פון יאָהאַן היינריך קאַלענבערג׳ס יידיש־דייטשישן ווערטערבוך וואָס ער האָט מחבר געווען פאַר מיסיאָנערן און טעאָלאָגישע סטודענטן (האַלע, 1736)

אַרײַנרוקן "צוגעפּאַסטע" ווערטער. צווישן זיי טרעפֿט מען "משיחי" (ד.ה. אַ גלײַביקער אין משיח) אויפֿן באַגריף "קריסט".

דער גורל האָט געוואָלט אַז קאַלענבערגס אַ תּלמיד זאָל ווײַט אַריבערשפּרײַזן די לכתּחילהדיקע מיסיאָנערסקע כּוונות. ס'גייט די רייד וועגן ווילהעלם קריסטיאַן יוסט קריזאַנדער (1718–1788), וועלכער האָט זיך בפֿירוש "ניט געקענט אײַנהאַלטן" פֿון באַשרײַבן די היסטאָרישע עשירות און לינגוויסטישע אינטערעסאַנטקייט פֿון ייִדיש. אין 1750 איז אין וואָלפֿענביטעל אַרויס זײַן *Jüdisch-Teutsche Grammatick*. אומעטום האָט ער אויסגעזוכט דאָס אינטערעסאַנטע און ספּעציפֿישע וואָס אין ייִדיש. ער באַשרײַבט למשל אַזעלכע ווערטער ווי "געווינען" (געבוירן) "נײַערט" (נאָר) "מעמע" (מאַמע). אין 1958 האָט דער ניו־יאָרקער ייִוואָ אויפֿסנײַ אַרויסגעגעבן קריזאַנדערס גראַמאַטיק מיט אַן אַרײַנפֿיר־וואָרט פֿון מאַקס ווײַנרײַך.

אין 1750 איז אויך דערשינען קריזאַנדערס צווייט ווערק, *Unterricht vom Nutzen des Juden-Teutschen*. און דאָ פּיו'ס ער ווייטער זײַן לערער קאַלענבערג'ס השגות וועגן דער עצם דעפֿיניציע פֿון ייִדיש. דער תּלמיד וועלכער האָט סײַ ווי איבערגעיאָגט דעם לערער, באַנעמט ייִדיש ווי אַן — אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך. קריזאַנדער האָט עס דער ערשטער דאָקומענטירט, אַז ייִדן באַרימען זיך, אַז מיט ייִדיש קען מען אויספֿאָרן די וועלט.

V

אַנטיסעמיטן האָבן אין דער ייִדישער שפּראַך געזען אַלצדינג וואָס איז — לויט זייער שנאה — שלעכטס אינעם ייִדן און אין ייִדישקייט. אין אָט דעם נעגאַטיוון זין (און נעגאַטיוון זענען מי־יודע ווי וויכטיק אין דער געדאַנקען־געשיכטע), האָבן זיי די ערשטע בפֿירוש אויפֿגענומען ייִדיש ווי אַ פֿאַרקערפּערונג פֿון דער קאָלעקטיווער ייִדישער נשמה. די שנאה האָט זיך שפּעטער־צו אײַנגעבירגערט בײַ ייִדישע שונאי־ייִדיש לויטן אייביקן שטייגער פֿון זעלבסט־האַס. דאָס איז אַ קלאַסישער מוסטער פֿון דער אינטערנאַליזירונג פֿון דרויסנדיקער פֿײַנטשאַפֿט. דאָס איז אָבער אַ פּרשה פֿאַר זיך.

אַנטיסעמיטן האָבן אַרויסגעלאָזן אָן אַ שיעור ביכער וועגן ייִדיש, דער עיקר אין אַכצנטן יאָרהונדערט, אָבער אויך פֿריִער, און וואו ניט וואו שיִער ניט ביז אין דער נײַער צײַט אַרײַן. דירעקטע כּוונות זענען געווען צווייערליי. ערשטנס האָט מען געוואָלט אויסלאַכן דעם ייִדן, געבן דעם עולם אָפּצוחוזקן פֿון דער "לעכערלעכער" און "פֿאַרקריפּלטער" שפּראַך.

די צווייטע כּוונה איז באַשטאַנען אין "אויפֿדעקן" אויף אַ סענסאַציאָנעלן אופֿן די כּלומרשטדיקע "סודות" פֿון ייִדן, און בפֿרט — אַנטי־קריסטלעכע ווערטער, פֿראַזן

און מיינונגען. מ׳האָט זיי דערלאַנגט אין אַ דייטשישער טראַנסקריפּציע, מיט דייטשישע איבערזעצונגען אַקעגנאיבער.

אָפּטמאָל פּאַלן זיך צונויף די ביידע צילן: אַ בוך איז אויסן סיי צו "פאַרווײלן" און סיי צו "אינפאָרמירן" דעם עולם בנוגע די ייִדן. ווי אַ מין געווירץ צום קאָקטייל פון אָפּלאַכערישקייט און ראַסן־האַס טרעפט מען אין די־אָ ביכער אויך אַ סך סתם גראָבע אויסדרוקן וואָס זענען געווען אין דער גערעדטער שפּראַך, גענוי ווי מ׳טרעפט אַזוינס אין אַלע נאַטירלעכע שפּראַכן אין דער וועלט. פון די אינטימע קענטעניש אין דער דעמאָלטיקער און דאָרטיקער ייִדישער אידיאָמאַטיק (דייטשלאַנד אין אַכצנטן יאָרהונדערט) איז קלאָר אַז מערסטע (אויב ניט אַלע) פון די־אָ שונד־ביכער וועגן ייִדיש זענען געשריבן געוואָרן ניט פון געלערנטע וואָס האָבן זיך "פאַרקאַשערט די אַרבל", נאָר וואָס דען, פון פּראָסטע משומדים וואָס האָבן געוואָלט אויסנעמען אין אַ שטאַרק אַנטיסעמיטישער געזעלשאַפט.

פון די ערשטע איז דער *Jüdischer Sprach-Meister* וואָס איז אַרויס ערגעץ אַרום 1714. דעם מחברס נאָמען ווערט אָנגעגעבן אַלס J.W. און שוין. דאָס גאַנצע בוך באַשטייט פון אַ לאַנגן דיאַלאָג צווישן אַן אויסגעלאַסענעם, צבועקישן רב, "ר׳ איציק", און אַ פּשוטן ייִדן, "יונה". דעם "סיפּור המעשה" מ׳שטײנס געזאָגט קען מען איבערגעבן אויף איין פוס: דער רב פירט אַריין דעם פּשוטן ייִדן אין אַלע עבירות, בתוכם זנות, און לערנט מיט אים ווי אַזוי מ׳נאַרט אָפּ די קריסטן. דער דיאַלאָג ווערט געגעבן אויף מערב ייִדיש מיט לאַטײנישע אותיות אויף איין זײַטל און אויפן זײַטל אַקעגנאיבער גייט די דייטשישע איבערזעצונג.

דער גרעסטער טייל אַנטיסעמיטישע לערנביכער זענען אָבער ווערטערביכער, וואו ניט וואו מיט צוגאָב־דערקלערונגען, דיאַלאָגן און טעקסטן. טייל פון די מחברים־משומדים רופן זיך מיט זייערע "נייע קריסטלעכע נעמען" (אַשטייגער Christoph Gustav Christian וועמענס ווערטערביכל איז צוערשט אַרויס אין 1727). ביי אַנדערע טרעפט מען אַזעלכע פּסעוודאָנימען ווי אַשטייגער Philoglottus (זיין ווערטערבוך איז אַרויס אין פרייבערג אין 1733) און Bibliophilus (פראַנקפורט און לייפּציג, 1742).

ווי ס׳טרעפט ביים רוב קלאַסיפיקאַציעס, זענען פאַראַן אויך דאָ איינצלנע פאַלן וואָס פּאַסן זיך ניט אַריין אין די אויסגעסדרטע "טישקעסטלעך". פראַנציסקוס האַזעלבאַוער׳ס *Fundamenta grammatica duarum praecipuarum linguarum orientalium, scilicet: Hebraicae et Chaldaicae* (פּראָג, 1742) קומט מאַכן אַן אָנשטעל אַז דאָס איז אַ הומאַניסטיש ווערק איבער סעמיטישע שפּראַכן אין רומפולן גייסט פון די פריערדיקע דורות הומאַניסטישע געלערנטע. ניט נאָר דער נאָמען איז אויף לאַטיין נאָר דאָס גאַנצע בוך איז געשריבן אויף לאַטיין. דער גייסט איז אָבער דער קליינבירגערלעכער אַנטיסעמיטישער גייסט פון אַכצנטן יאָרהונדערט. באַלד

ביים אָנהייב פונעם קאַפּיטל וועגן יידיש, גיט דער בעל־מחבר צו וויסן אַז צוליב דעם וואָס די קריסטן קענען קיין יידיש ניט פאַרשטיין, קענען די יידן זיי באַשמוצן און אָפּנאַרן.

דער לעצטער פילאָלאָגיש־באַדייטנדיקער אַנטיסעמיטישער מחבר האָט זיך גערופן "איציק פייטעל שטערן". וועגן דער פראַגע, ווער דאָס איז געווען גענוי, האָט מען צווישן געלערנטע אַרויסגערופן פאַרשיידענע "קאַנדידאַטן". נוצנדיק דעם דייטשישן אַלפאַבעט, האָט ער אָנגעשריבן גאַנצענע דראַמעס און האַלב־ליטעראַרישע פּראָזע־ווערק, אַלץ אויפן לאָקאַלן דיאַלעקט וואָס רופט זיך היינט צו טאָג ביי יידישע פילאָלאָגן "צענטראַל־מערב יידיש". אַחוץ דעם האָט ער אַרויסגעגעבן אַ צווייבענדיק ווערטערבוך און גראַמאַטיק פון יידיש א.נ. *Lexicon der jüdischen Geschäfts- und Umgangs-Sprache* (מינכען, 1833).

## VI

אויב עס גייט אין דער צאָל ביכער, איז אַ סברא, אַז מער איידער וועלכע ניט איז אַנדער שול האָבן אַרויסגעגעבן ק ר י מ י נ אָ ל אָ ג ן וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט ראָטוועלש ("גאַונערשפּראַכע", די דייטשישע גנבים־שפּראַך). ראָטוועלש האָט אין זיך אָן אַ שיעור ווערטער פון העברעאישן אָפּשטאַם, אַזעלכע וואָס מ'טרעפט אין סעמיטישן קאָמפּאָנענט וואָס אין יידיש, און נאָכמער: אַזעלכע וואָס מ'האָט איבערגענומען דירעקט פון העברעאיש.

ביי די קרימינאָלאָגן איז יידיש געווען אַ שליסל צו די סודות פון גנבים.

דאָס "קלאַסישע" ווערק אויף דעם געביט איז דער *Liber vagatorum* אָדער "בעטלער בוך", וואָס קומט וואָרענען קעגן פאַלשע בעטלער (צוערשט אַרויס בערך 1510 און אַ סך מאָל נאָכדעם). ס'ענדיקט זיך מיט אַ וואָקאַבולאַר וואו ס'איז בולט דער העברעאישער אָפּשטאַם פון אַ ריי ווערטער, למשל Adone אויף "גאָט" און להבדיל, Betzam אויף "איי". אַנדערע וואַקסן אַרויס פון יידיש, למשל Achein אויף "עסן" און Alchen אויף "גיין" וואו דער שורש שטאַמט פון העברעאיש.

אין דער באַרימטסטער אויפלאַגע פונעם "ליבער וואַגאַטאָרום", וואָס איז אַרויס אין וויטעמבערג אין 1528, געפינט זיך די הקדמה פון מאַרטין לוטער, וואו ער שרייבט אַז דער יידישער אָפּשטאַם פון יענע ווערטער שטעלט מיט זיך פאָר פעסטע עווידענץ אַז די גנבים־שפּראַך שטאַמט פון — די יידן. אָט דער "שפּראַך־בילבול" חזרט זיך איבער אין משך פון דורות און ווערט שטאַרק אויפגעלעבט אין דער היטלער תקופה (למשל אין ש. בערטש'ס ראָטוועלשישן ווערטערבוך וואָס איז אַרויס אין בערלין אין 1938).

אין משך פון די לעצטע פינף הונדערט יאָר זענען אַ סך ווערק איבער ראָטוועלש געשריבן געוואָרן אין אַן אַנטיסעמיטישן גייסט, אָבער ניט אַלע. טייל זענען

פראַקטישע האַנטביכער וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך לאָקאַלע פּאָליציי־אַמטן אין דייטשלאַנד. די צווייטע אויפלאַגע פון פאָן טריינ'ס *Chochemer Loschen. Wörterbuch der Gauner und Diebs — vulgo Jenischen Sprache* (רעגענסבורג, 1832) טראָגט אַן אויפקלערונג פונעם פאַרלעגער, אַז די גאַנצע ערשטע אויפלאַגע האָט אָפּגעקויפט די באַוואַרישע פּאָליציי. אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט ערנסט ראַבען, דער פּאָליציי שעף אין האַם (וועסטפאַליע), געפונען פאַר נייטיק אונטערצושיידן ראָטוועלש פון יידיש אין זיין הקדמה צו *Die Gaunersprache* (האַם, 1906).

פונקט ווי ביי אַנדערע שולן פאָרשער פון יידיש האָט זיך באַוויזן אויך דאָ אַ גרויסער טאַלאַנט וועלכער האָט ווייט אַריבערגעשפּרייזט די לכתחילהדיקע מאָטיוואַציעס. רעדן רעדט זיך וועגן פרידריך קריסטיאַן בענעדיקט אַווע־לאַלעמאַן (1892–1809). ער איז געווען דער פּאָליציי שעף אין ליבעק, צפון דייטשלאַנד, נאָר וואָס, ער האָט געהאַט מער חשק אויסצופאָרשן ווערטער איידער גנבים. אָט דער מערקווערדיקער פּאָליציי באַאַמטער האָט אפילו געשריבן קרימינאַל ראָמאַנען. זיין הויפּט־אינטערעס איז אָבער געווען ראָטוועלש. דאָס גרעסטע ווערק זיינס איז דאָס פירבענדיקע *Das deutsche Gaunerthum* (לייפּציג, 1862–1858). אַווע־לאַלעמאַן איז אַזוי פאַרכישופט געוואָרן פון יידיש אַז שיער ניט אַ העלפט פון די פיר בענד האָט ער געווידמעט ניט ראָטוועלש, ניט דער יידישער השפעה אויף ראָטוועלש, נאָר, אָן חכמות — יידיש לשמה. ער האָט דער ערשטער געשריבן די ביז־דעמאָלטיקע געשיכטע פון דער יידיש פאָרשונג. ער האָט באַוואונדערט די יידישע שפּראַך אויף אַזויפיל, אַז ער איז גרייט געווען פירן וויכוחים מיט די יידיש־פיינטלעכע שטעלונגען פונעם גרעסטן געלערנטן ביי די דייטש־יידישע משכילים, לעאָפּאָלד צונץ. צונץ האָט געהאַט געטענהט אַז יידיש איז אַ רעלאַטיוו שפּעטע דערשיינונג (ד.ה. אַז דער שיינער דייטש פון די יידן איז ערשט ניט לאַנג נעבעך "קאַליע געוואָרן"). האָט אים אָפּגעענטפערט אַווע־לאַלעמאַן אַז יידיש איז אַזוי אַלט ווי דער יידישער ישוב אין דייטשלאַנד. אַזאַ "ווילדן" איינפאַל האָט שוין דער גרויסער ביבליאָגראַף שטיינשניידער ניט געקענט פאַרשוויגן, און ער האָט אַווע־לאַלעמאַנען "דערלאַנגט איבערן קאָפּ" אין ביבליאָגראַפישן זשורנאַל "סעראַפּעאום". דער הו־האַ ביי די געלערנטע שטעלט מיט זיך פאָר איינע פון די סאַמע טשיקאַווע מחלוקתן אין דער געשיכטע פון יידיש. דער דייטשישער פּאָליציי באַאַמטער אַווע־לאַלעמאַן נעמט זיך אָן די קריוודע פון יידיש אַקעגן די גרעסטע יידישע געלערנטע פון זיין צייט...

## VII

אין נייַנצנטן יאָרהונדערט, ווען עס איז אויפגעקומען די מאָדערנע לינגוויסטיק בכלל, זענען אויף דער וועלט געקומען די דריי שולן פון יידיש פאָרשונג וואָס בלייבן

פראָדוקטיוו ביזן היינטיקן טאָג: די יודאַאיסטישע, די גערמאַניסטישע און די יידישיסטישע.

די יודאַאיסטיק, וואָס שטודירט אַלע פענאָמענען פון יידן און יידישער קולטור נוצנדיק די מכשירים פון די מאָדערנע אַקאַדעמישע דיסציפּלינען (געשיכטע, פילאָלאָגיע א.א.), האָבן געגרינדעט די דייטש־יידישע משכּילים, א.ג. *Wissenschaft des Judentums*, בראש מיט לעאָפּאָלד (יום־טוב ליפּמאַן) צונץ (1794–1886). מיר האָבן שוין פון זיין וויכּוח מיט אַווע־לאַלעמאַנען געזען, אַז קיין חובב שפת יידיש איז דאָס ניט געווען. פונדעסטוועגן, קען אַן ערנסטער פילאָלאָג און קולטור היסטאָריקער בשום אופן ניט איגנאָרירן די יידישע שפּראַך און ליטעראַטור אין די אשכּנזישע לענדער, ניט קוקנדיק אויף די אַלע פּסיכאָלאָגישע און סאָציאָלאָגישע פאָראורטיילן. אין זיין *Die gottesdienstlichen Vorträge der Juden* (בערלין, 1832), האָט צונץ קלאַסיפיצירט די קאָמפּאָנענטן אין יידיש סיי לויטן אָפּשטאַם סיי לויט דער פונקציע אין דער שפּראַך. אַלע קלאַסיפיקאַציעס זינט דעמאָלט פירן ווייטער צונצעס איינטיילונג אָדער רעאַגירן אויף איר.

דאָס זעלבע איז שייך צו צונצעס ייִנגערן בן־דור, מאָריץ שטיינשניידער (1816–1907). שטיינשניידער איז דער בויער פון דער ביבליאָגראַפישער וויסנשאַפט סיי פון דער העברעאישער און סיי פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור. קיין ליבהאָבער פון יידיש איז ער, מילד גערעדט, אויך ניט געווען. צו דער זעלביקער צייט זענען שטיינשניידערס וויסנשאַפטלעכע קאַטאַלאָגן געבליבן אַ יסודותדיקער מכשיר פאַר אַלע פאָרשער פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור (ועל כולם: זיין ריזיקער קאַטאַלאָג פון די העברעאישע און יידישע ביכער אין דער באָדלעיאַנע אין אָקספאָרד, אַרויס אין בערלין 1852–1860).

די בערלינער השכּלה אין צענטראַל אייראָפּע (און דער צוגאַנג צו יידיש וואָס האָט אין איר געשטעקט) האָט אַריינגעשטראָמט אין דער נייער העברעאישער קולטור פון מזרח אייראָפּע און שפּעטער־צו אין ארץ ישראל. אַ ריי העברעאישע געלערנטע האָבן זיך פונדעסטוועגן אָפּגעגעבן אויך מיט יידיש פאָרשונג, למשל י. ח. טביוב (טאָוויאָוו, 1858–1921), וועלכער האָט פאַרעפנטלעכט שטודיעס וועגן העברעאישן קאָמפּאָנענט אין יידיש (אין "הזמן", 1903), און וועגן סלאַווישן (אין "השלח", 1914).

## VIII

פון נייַנצטן יאָרהונדערט שטאַמט אויך די פאָרשונג פון יידיש אַלס צווייג פון דער גערמאַניסטישער פילאָלאָגיע (און פון דער קאָמפּאַראַטיווער לינגוויסטיק בכלל). לכתחילה האָט געהערשט אַ צוגאַנג אַז שטודירן פילאָלאָגיש דאַרף מען די "קלאַסישע שפּראַכן" בשעת ווען די גערעדטע שפּראַכן זענען "פאַרדאָרבן". די נייע מייסטער אין צענטראַל אייראָפּע — בתוכם יאַקאָב גרים פון די ברידער גרים (1785–1863), פראַנץ

באָפּ (1791–1867) און אַוגוסט שלייכער (1821–1868) — האָבן אויפגעשטעלט די יסודות פונעם "קאָמפּאַראַטיוון מעטאָד" וואָס שטעלט מדעיקרא אַלע נוסחאות פון לשון שבעל־פּה אין סאַמע צענטער פונעם שפּראַכיקן אוניווערס.

האָבן צוויי ייִדן, ביידע אויסגעשולטע גערמאַניסטן, גענומען שטודירן ייִדיש נוצנדיק די נייע מעטאָדאָלאָגיע. דאָס זענען געווען לאַזאַר שײַנעאַנו און אַלפרעד לאַנדוי.

לאַזאַר שײַנעאַנו (1859–1934) איז געווען אַ באַרימטער רומענישער פילאָלאָג וועמענס רומענישן ווערטערבוך מען דרוקט איבער נאָך היינט. אין זײַן ווערק וועגן ייִדיש, *Studiu dialectologic asupra graiului evreo-german* (אַרויס אין בוקאַרעשט, 1889), האָט ער אויפגעוויזן קלאָר און שאַרף, אַז ייִדיש שטאַמט ניט "סתם אַזוי פון אַ מין דייטש", נאָר וואָס דען, אַז סײַ דער גערמאַנישער עלעמענט אין ייִדיש און סײַ דאָס מאָדערנע דייטש שטאַמען פון וואַריאַנטן פונעם מיטל־הויך־דייטש פון מיטלעלטער. שײַנעאַנוס פראַנצויזישע איבערזעצונג פון זײַן אַרבעט איז דערשינען אין פּאַריז אין 1902.

אַלפרעד לאַנדוי (1850–1935), אַ געבוירענער אין בראָד, גאַליציע, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין ווין, האָט סוף־כּל־סוף אָפּגעלאָזן זײַן קאַריערע אַלס אַדוואָקאַט בכדי צו ווידמען זײַן לעבן אַ פּראָיעקט פון אומגעהײַערן פאַרנעם — אַן עטימאָלאָגישן ווערטערבוך פון דער ייִדישער שפּראַך. נאָך זײַן טויט איז דער מאַנוסקריפּט אַוועק אין אַ אַרכיוו פון דער ווילנער ייוואָ. דעם ווערטערבוך האָט מען באַגראָבן, בכדי אים אָפּצוהיטן, בעת דער נאַציסטער אָקופּאַציע פון ווילנע, נאָר ער האָט זיך צום באַדויערן ניט אויפגעהיט אין דער פײַכטער ערד. דאַקעגן זשע, אַ סך פון די אוצרות וואָס די נאַציס האָבן צוגערויבט האָט מען באַקומען אויף צוריק נאָך דער מלחמה.

לאַנדויס שטודיע וועגן דער סיסטעם ייִדישע דימינוטיוון, וואָס איז פאַר־עפנטלעכט געוואָרן אין אַ בכבודיקן דײַטשישן פילאָלאָגישן זשורנאַל אין 1896, קען מען באַטראַכטן, קוקנדיק אויף צוריק, ווי דעם "דורכברוך" פון ייִדיש אין "די הויכע פענצטער" פון דער צענטראַל־אייראָפּעאישער פילאָלאָגיע. וואָס שייך דעם עצם פילאָלאָגישן מהות פון דער אַרבעט, האָט זי מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ בפירושדיקן רוק אויף פאָראויס. בשעת ווען שײַנעאַנו האָט קאָרעלירט די גערמאַנישע טיילן פון ייִדיש מיט מיטל־הויך־דייטש, האָט לאַנדוי גענומען קאָרעלירן ספּעציפישע שטריכן פון איינצלנע דיאַלעקטן פון ייִדיש מיט שטריכן פון איינצלנע דיאַלעקטן פון דייטש. אין צוגאָב צו די אויסגעפינסן וועגן ייִדישן דימינוטיוו גופא האָט ער אויפגעוויזן פּרינציפּיעל אַז יעדער דעטאַל אין ייִדיש שטעלט מיט זיך פאָר אַ קאָמפּלעקס צווישן־שייכותן און מיסטעריעס. ס'האָט דעם נײַגער און דעם חשק געוועקט צו נעמען פאָרשן די ייִדישע שפּראַך.

מ'האָט גענומען שרײַבן דאָקטאָר־דיסערטאַציעס איבער ייִדיש אין פאַרשיידענע

אוניווערסיטעטן. צווישן די באַקאַנטסטע פון אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז יעקב גערצאָנס *Die jüdisch-deutsche Sprache; Eine grammatisch-lexikalische Untersuchung ihres deutschen Grundbestandes* (פראַנקפורט ד׳מיין, 1902). גערצאָן פאַרגלייכט דעם ליטווישן יידיש מיטן סטאַנדאַרדן מיטל־הויך־דייטש. ער האָט זיין שטודיע פאַרענדיקט מיט אַ רשימה פון 424 ווערטער וואָס זענען שוין לאַנג ניטאָ אין דייטש, נאָר אין יידיש זענען זיי געבליבן טאָגטעגלעכע ווערטער. דאָס האָט ביי גערמאַניסטן געוועקט אינטערעס צו יידיש אַלס שפּראַך וואָס היט אויף אַרכעאישע שטריכן פון אַמאָליקע יאָרהונדערטער.

דער הויכפּונקט פון דער גערמאַניסטישער שול איז געווען די מערקווערדיקע דיסערטאַציע פון יחיאל פישער. אַ טייל דערפון איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין בוך־פאָרם אין סאַמע נאַצישן דייטשלאַנד אין 1936 א.ג. *Das Jiddische und sein Verhältnis zu den deutschen Mundarten*. דער יונגער יחיאל פישער, וועלכער האָט שטודירט ביי די גרעסטע גערמאַניסטן אין היידעלבערג, האָט אין די רעמאָלט־ניט־פאַרעפנטלעכטע טיילן פון זיין דאָקטאָראַט דער ערשטער סיסטע־מאַטיזירט די וואָקאַלן פון די יידישע דיאַלעקטן און זיי אַלע צוריקגעפירט ביז צו אַ "פראָטאָ סכעמע" פון יידישן וואָקאַליזם. אַנדערש גערעדט האָט ער רעקאָנסטרואירט די קלאַנגען פון עלטסטן יידיש. גאַנצערהייט איז דאָס ווערק דערשינען ערשט אין 1973 א.ג. *Jiddisch und die deutschen Mundarten*. דער מחבר האָט דעמאָלט שוין געהייסן יחיאל בן־נון און איז געווען אַ תושב אין ירושלים.

גאָר אַנדערש, להבדיל אלף הבדלות, איז געווען דער לעבנס־וועג פון דייטשישן דיאַלעקטאָלאָג פראַנץ בעראַנעק. פאַר דער מלחמה האָט ער אָנגעהאַלטן קאָלעגיאַלע באַציאונגען מיט יידישע פילאָלאָגן און האָט אפילו געהאַלטן אַ רעפעראַט אויף יידיש אויף דער ייוואָ קאָנפערענץ וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ווילנע אין אויגוסט 1935. דערנאָך איז ער אָבער געוואָרן אַ מיטגליד אין דער נאַצישער פאַרטיי און האָט ביי די נאַציס אפילו אַרויסגעגעבן אַ בוך וועגן פינסקער יידיש (אין 1942). די קלאַנגען, אַז בעראַנעק האָט אויסגענוצט יידן אין קאָנצענטראַציע לאַגערן אַלס אינפאָרמאַנטן, און אַז די נאַציס האָבן געצוואונגען יידישע געלערנטע אים צו הילף צו קומען, דאַרף מען נאָך אויספאָרשן. נאָך דער מלחמה האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ ריי אַרבעטן אויף דייטש וועגן מערב יידיש. זיין וואָגיקסטער ביישטאָג איז דער *Westjiddischer Sprachatlas* (אַרויס אין מאַרבורג אין 1965).

## IX

ניט קוקנדיק אויף די אַלע גאָר ממשותדיקע אויפטוען פון די יודאַאיסטישע און גערמאַניסטישע שולן איז עס אַלץ פאָרט "ניט געווען". אַז ס׳האַנדלט זיך אין שפּראַך און קולטור, ווערט די אַרבעט בפירוש באַגרענעצט דעמאָלט ווען דעם אָביעקט פון

דער פֿאָרשונג באַנעמט מען דורך די אויגן פֿון אַן אַנדער דיסציפּלין, עלעהיי אַ סאַטעליט וואָס באַוועגט זיך טאַקע אויף פֿאָראויס, אָבער בלויז אין איינקלאַנג מיטן מוטער־פּלאַנעט.

שפּראַך און קולטור פֿאַרדינען זיך אָבער מער, זיי פֿאַרדינען זיך בפֿירוש, מ׳זאָל זיי משיג זײַן און אויספֿאָרשן ווי וועלטן פֿאַר זיך. און לאָמיר ניט פֿאַרגעסן אַז אין דער װיסנשאַפֿט — בפֿרט אין די סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן — זענען באַנעמונגען, אויספֿאַסונגען און באַגריפֿן גאָרניט קלענער אין חשיבֿות איידער די אַנטדעקונג פֿון נײַע פֿאַקטן. דאָס האָט מאַקס ווײַנרײַך אָפֿטמאָל אונטערגעשטראָכן.

דעם שענסטן און שעפֿערישסטן שטאַפּל אין דער ייִדישער לינגוויסטיק האָט אויף דער וועלט געבראַכט די נײַע ייִדישע קולטור. דאָ גייט חלילה ניט אין אידעאָלאָגיע סתם, אין קיין סענטימענטאַליזם אוודאי ניט. דאָ גייט אין אַ פּשוטן אמת וואָס איז שייך בײַ אַוועלכער ניט איז שפּראַך און בײַ אַוועלכן ניט איז פֿאָלק. קוקנדיק פֿון אינעווייניק, זײַענדיק אַליין אַן אָנטיילנעמער אין דער שײַכותדיקער קולטור, קוקנדיק אויף אַ זאַך פֿון איר אייגענער פּערספּעקטיוו אָנשטאָט פֿון אַ דרויסנדיקער, זעט מען אָן אַ שיעור מער און בעסער. פֿאַרשטייט זיך אַז מ׳קען זײַן אַ גלענצנדיקער פֿאָרשער אָרער אַ קאַליקע, אַרבעטנדיק אין אַוועלכער ניט איז פֿאָרשונגס־סיסטעם. דאָ גייט ניט אין מעסטן די אויפֿטוען פֿון אַ יחיד, ס׳גייט אין די פּערספּעקטיוון פֿון דער ייִדיש פֿאָרשונג בכלל אויף דער אַרענע פֿון אוניווערסאַלער הומאַניסטיק.

באַפֿרײַען די ייִדיש פֿאָרשונג פֿון די חיצוניותדיקע פּענטעס האָבן געקענט נאָר און בלויז דינאַמישע הויך־טאַלאַנטירטע פֿאָרשער, אַליין אויסגעהאָרעוועטע אין דער שפּרודלדיקער ייִדיש רעדנדיקער ציוויליזאַציע אין מזרח אייראָפּע. דער גורל האָט געוואָלט, אַז די ייִדישע פֿילאָלאָגיע זאָל ווערן אַ בכבֿודיקער צווײַג פֿון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור.

די סטאַנציעס אויפֿן אויפֿשטײַג־וועג לאָזן זיך אָפּציילן. די פּיאָנערן זענען געווען די לעקסיקאָגראַפֿן. דער ערשטער גרויסער ייִדישער לעקסיקאָגראַף איז געווען יהושע־מרדכי ליפֿשיץ (1829–1878). ער האָט באַוואוסטזיניקערהייט באַנומען זײַנע ווערטערביכער (רוסיש־ייִדיש — זשיטאָמיר, 1869; ייִדיש־רוסיש — זשיטאָמיר, 1876) אַלס ממשותדיקע כּלים אין זײַן לעבנס־אַרבעט לטובֿת דער אָנערקענונג פֿון ייִדיש. נאָך פֿאַרן אַרויסלאָזן זײַנע ווערטערביכער (אגבֿ, גלענצנדיקע אָפּשפּיגלונגען פֿון רײַכן אוקראַאינישן פֿאָלקס־ייִדיש) האָט ער אין צעדערבוימס "קול מבשר" פֿאַרעפֿנט־לעכט זײַן פֿאַרטיידיקונג פֿון דער ייִדישער שפּראַך א.נ. "די פֿיר קלאַסן" (1863).

דאָס זעלביקע איז צו הערן בײַם צווייטן גרויסן ייִדישן לעקסיקאָגראַף, אלכּסנדר האַרקאַווי (1863–1939), וועמענס ייִדיש־ענגליש־העברעאישער ווערטערבוך (ניו־יאָרק, 1925 און בפֿרט די צווייטע פֿאַרגרעסערטע אויפֿלאַגע פֿון 1928) איז בײַזן

היינטיקן טאָג אַ פּראַכטפולע פּאַרקערפּערונג פון דער נייער יידישער קולטור שפּראַך. נאָך אַלס יונגערמאַן אין 1885 אין פּאַריז האָט האַרקאַווי אַרויסגעלאָזן אַ בראָשור אויף העברעאיש א.נ. ״שפה יהודית״ וואו ער פאַרטיידיקט יידיש און דערלאַנגט אַ היסטאָרישן איבערבליק איבער דער שפּראַך. ליפשיצעס ווערטערביכער זענען געווען געטריי דעם מחברס היימישן דיאַלעקט, האַרקאַווים האָבן געטריי איבערגעגעבן דאָס ליטעראַרישע לשון. די צווייערלייאיקע געטריישאַפטן זענען זיך גאָרניט סותר, זיי דערגאַנצן איינס דאָס אַנדערע אויפן שענסטן אופן. און דער צד־השווה שבהן, בייביידן איז די לעקסיקאָגראַפישע אַרבעט ניט געווען אָפּצוטיילן פון — אהבת יידיש. נסים ונפלאות, די ליבשאַפט צו דער זאַך האָט געבראַכט צו בולט־בעסערע וויסנשאַפטלעכע רעזולטאַטן איידער ביי זייערע בני־דור וואָס האָבן געהאַט סתם פּראַקטישע אָדער קאָמערציעלע צילן.

אין דער פּרשה טראַכטער וועגן יידיש, דאַרף מען אויך אָפּגעבן אַ שטאָט ביי דער מזרח־וואַנט דעם לעמבערגער אַדוואָקאַט פיליפּ מאַנש (1838–1890). ער האָט די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן פאַרעפנטלעכט אין לעמבערגער *Israelit* קאַפּיטלעך פון אַ שטודיע איבער יידיש (געשריבן אויף דייטש). עס שפּירט זיך סיי אינטימקייט מיט דער לעבעדיקער שפּראַך, סיי אַ ליבשאַפט צו איר. דער פּועל־יוצא פון דיביידע זאַכן איז געווען אַ קלאָרע באַנעמונג פון דער דינאַמיק פון דער אינערלעכער סטרוקטור פון יידיש.

ליפשיץ, האַרקאַווי און מאַנש האָבן אַלע דריי געהאָרעוועט, איטלעכער פאַר זיך, אין דער ריכטונג פון אַ נייער יידישער פילאָלאָגיע וואָס האָט זיך ווי געריסן געבוירן צו ווערן אין שויס פון מזרח־אייראָפּעאישן יידישן רענעסאַנס. זי איז געבוירן געוואָרן ניט אין די רואיקע קאַמערן פון אוניווערסיטעטן און אינסטיטוטן. זי איז געבוירן געוואָרן ביי יונגע יידישיסטן וועלכע האָבן מיט לייב און לעבן געגומען בויען אונדזער נייע יידישע קולטור אין מזרח אייראָפּע. ס׳האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז מ׳קען אפילו ״דאַטירן דאָס געבורט״. געווען איז דאָס אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ אין 1908. אין צוגאָב צו די רעדעס פון י. ל. פּרץ, חיים זשיטלאָווסקי, נתן בירנבוים און אַנדערע הויפּט־פּערזענלעכקייטן פון דער אויפגייענדיקער מזרח־אייראָפּעאישער קולטור וואָס אויף יידיש, האָט אַ וויסנשאַפטלעך־פּאָלעמישן רעפעראַט געלייענט אַ גאונותדיקער דריי־און־צוואַנציק יאָריקער יונגערמאַנטשיק, מתתיהו (מאַטעס) מיזעס (1885–1945). דעם דריטן טאָג פון דער קאָנפערענץ (דינסטיק דעם 1טן סעפּטעמבער 1908), צום סוף פון דער ערשטער סעסיע, האָט דער אומבאַקאַנטער מיזעס געלייענט די ערשטע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט וועגן יידיש וואָס איז געווען אויך געשריבן אויף יידיש; די ערשטע אַרבעט וואָס האָט אויף אַ הויכן ניוואָ אַנאַליזירט די סטרוקטור פון יידיש, ניט פון שטאַנדפּונקט פון דייטש אָדער העברעאיש, און אוודאי ניט צוליב געשעפט, קרימינאָלאָגיע, מיסיאָנעריזם און וואָס אין דער קאָרט. דאָס איז

געוועזן אַ רעפֿעראַט וועגן ייִדיש און לטובֿת ייִדיש. אָן התנצלותן און אָן אַוועלכער ניט איז איינגעשראָקנקייט, האָט מיזעס גענומען און געמאַכט צו אַש און צו בלאָטע די פּסעוודאָ־וויסנשאַפֿטלעכע קלאַסיפֿיקאַציע פֿון שפּראַכן אויף "ריינע" און "געמישטע". ניט נאָר וועגן ייִדיש, נאָר בכלל גענומען, שטעלט ער פֿעסט אַז די טענות קעגן "געמישטע שפּראַכן" שטאַמען ניט פֿון וויסנשאַפֿט נאָר פֿון — ראַסיזם. "אַצינדערט איז דאָס ניט קיין חידוש", האָט מיזעס געזאָגט אין 1908, "אַז דער דייטש, דער שוואַב דער שטאָלצער, וואָס ער איז גאַנץ פֿאַרנאַרט אויף זיין אורשפּרינגלעכקייט, דעגראַדירט אונדזער מיש־שפּראַך. [...] דווקא לשונות פֿון ווילדע פֿעלקער זענען ריין און ציכטיק [...] ווי ביי די ששת ימי בראשית. וואָס מער אַ פֿאָלק האָט קולטור, אַזוי מער דערהאַלט זיין שפּראַך פֿרעמדע צופֿליסן".


מתתיהו מיזעס
צייכענונג פֿון ז. ש. פֿראַווער

מיזעס האָט אָנגעווענדט דעם סטרוקטוראַליסטישן מעטאָר, קוקנדיק אויף גאַנצקייטן, סיסטעמען, סטרוקטורן. "ווער קוקט אויף ווערטער?" — פֿרעגט ער; "ווען עמעצער וואָס ער טרינקט וואַסער זאָל וועלן קוקן דורך אַ מיקראָסקאָפּ, וואָלט אים אויסגעקומען פֿאַר דורשט צו שטאַרבן".

אינצווישן אָט אַזעלכע פֿאָלעמישע פּערל גייט אָבער אַ ניכטערער און אָפּטמאָל אַ געניאַלער אַנאַליז — ווערליק דער צייט — פֿונעם לינגוויסטישן מהות פֿון דער ייִדישער שפּראַך. מיט זיין ברייטן און וויטן קוק, האָט מיזעס געשלאָסן זיין רעפֿעראַט מיט אָט וועלכע ווערטער:

> דאָס ניינצנטע יאָרהונדערט האָט מענטשן־רעכט געשאַפֿן, דאָס צוואַנציקסטע האָט די הויכע אויפֿגאַבע שפּראַכן־רעכט צו שאַפֿן. ווער ס'גלייבט אין דעם פּראָגרעס פֿון דער מענטשהייט, דער זאָל אין אונדזערע שרעגעס אַריינטרעטן און מיט מוט און האָפֿענונג שטרעבן פֿאַר אונדזער הייליקער נאַציאָנאַלער זאַך, פֿאַר דערלאַנגען פֿון אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן פֿאַר אונדזער ייִדישער שפּראַך.

פֿון דער דעמאָלטיקער פּרעסע ווייס מען געווי, סאַראַ צעהיצטע רעאַקציעס עס האָט אַרויסגערופֿן מיזעסעס רעפֿעראַט. ווען מיזעס האָט גענומען אַטאַקירן די העברעאיסטישע קעגנער פֿון ייִדיש, האָבן טייל גענומען שלאָגן זיך, אַנדערע האָבן זיך צעוויינט. אין אָט אַזאַ מין בהלה, אויף אָטאָ דער גורלדיקער קאָנפֿערענץ, איז אויף דער וועלט געקומען — די נייע ייִדישע פֿילאָלאָגיע.

מיזעסעס רעפּעראַט האָט אויף אַ דירעקטן אופן גאָרניט געקענט האָבן די פּעולה וואָס זי האָט באַראַרפט האָבן. דאָס איז נאָכאַלעמען געווען אַ וויסנשאַפטלעך־קעמפערישער קול־קורא, ניט קיין אָרגאַניזירטע פּראָגראַם אויף להבא. איבעריקנס איז דער רעפעראַט ניט דערשינען. ערשט מיט העכער צוואַנציק יאָר שפּעטער האָט מען אים אַריינגענומען אינעם באַנד "די ערשטע יידישע שפּראַך קאָנפערענץ" וואָס איז אַרויס אין ווילנע ביי דער ייוואָ אין 1931.

דער גרינדער ממש פון דער נייער יידישער פילאָלאָגיע איז געווען בער באָראָכאָוו (1881–1917). "דער פּאָלטאַווער גאון", וועלכער איז דער עיקר באַקאַנט פאַרן אויפשטעלן די פילאָזאָפישע יסודות פונעם פּועלי־ציוניזם, האָט זיך מיט אַלע רמ"ח אברים אַריינגעטאָן אין יידיש במשך פון די לעצטע יאָרן פון זיין קורצן לעבן. וואוינענדיק דעמאָלט אין ווין, האָט ער אויפגעשטעלט נאָענטע קאָנטאַקטן מיט די גרויסע מערב־אייראָפּעאישע ביבליאָטעקן.

דער פּועל־יוצא איז געווען פון די וואונדער־מעשיות פון יידיש. אין 1913 איז אין באָריס קלעצקינס ווילנער פאַרלאַג דערשינען ש. ניגערס "פּנקס", אַ זאַמלונג פאָרשונגען מיטן פאַרנעם — און אויפן ניוואָ — פון די אָנגעזעענע פילאָלאָגישע אַנטאָלאָגיעס וואָס ביי די אומות העולם. ס'איז געווען אַ פּראַכט־אויסגאַבע פון קאַרגע 500 פּאָליאָ שפּאַלטן. דער "פּנקס" הייבט זיך אָן מיט באָראָכאָווס "אויפגאַבן פון דער יידישער פילאָלאָגיע" און ענדיקט זיך מיט זיין "ביבליאָטעק פונעם יידישן פילאָלאָג". אָט דיביידע ווערק — אינאיינעם גענומען — האָבן עס מיט איין מעשה־יצירה אויפגעשטעלט די יידישע פילאָלאָגיע.

אין די "אויפגאַבן" נעמט באָראָכאָוו און צעשמעטערט די אַלע פּאָראורטיילן קעגן יידיש. בשעת מעשה שטעלט ער אַוועק דעם באַגריף "פילאָלאָגיע" ווי אַ נאַציאָנאַלע וויסנשאַפט. זיינע אייביקע ווערטער: "ווער ס'גלויבט ניט אינעם קיום פון דער יידישער שפּראַך, קאָן אפשר נאָך זיין אַ יידישער לינגוויסט, אָבער ניט קיין יידישער פילאָלאָג".

עטלעכע יאָר פאַר דעם ווי פערדינאַנד דע סאָסיר'ס *Cours de linguistique générale* האָט אין 1916 פאָרמולירט די יסודות פון דער מאָדערנער דעסקריפּטיווער (סינכראָנישער) לינגוויסטיק, האָט באָראָכאָוו בחוש אָנגעווענדט אירע גרונט־הנחות, ביים דיפערענצירן סיסטעמאַטיש צווישן יידישע ווערטער און די ענלעכע ווערטער אין די גענעטיש־קרובהשע שפּראַכן: "דייטשע, העברעאישע, סלאַווישע עלעמענטן", שרייבט ער, "באַלד ווי זיי זענען אַריין אין דער פאָלקס־שפּראַך, הערן אויף צו זיין דייטש, העברעאיש, סלאַוויש, — זיי ווערן אָן זייער פריערדיקן פּרצוף און נעמען אָן אַ נייעם: ווערן י י ד י ש".

די "אויפגאַבן" פלעכטן צונויף גערעכטע ווערטער ווועגן די אומגעהייערע שעפערישע כוחות פון יידיש מיט אַ דרינגענדיקן רוף צו פּראַקטישע מעשים, בתוכם: אויפשטעלן

אַ צענטראַלן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט: אַרויסגעבן ווערטערביכער, לערנביכער, און סטאַנדאַרדע אויסגאַבעס פון די גרונט־ווערק פון דער אַלטער און נייער יידישער ליטעראַטור; אויסשולן לערער, פאָרשער, מומחים; סטאַנדאַרדיזירן דעם ליטעראַרישן באַנוץ פון יידיש (אויסלייג, אויסשפּראַך, לעקסיק און גראַמאַטיק). באָראָכאָווס "אויפגאַבן" האָבן אויף דער וועלט געבראַכט אַ שפּאָגל־נייע וויסנשאַפט: די יידישע פילאָלאָגיע.


בער באָראָכאָוו

באָראָכאָווס "ביבליאָטעק", מיט וועלכער עס פאַרענדיקט זיך שמואל ניגערס "פנקס", רערלאַנגט דאָס וואָס יעדער פאָרשער און סטודענט דאַרף האָבן, על אחת כמה וכמה אַז עס האַנדלט זיך אין אַ נייעם פאָרשונגס־געביט: די ביבליאָגראַפיע פון דעם וואָס איז אויפן געביט שוין געשריבן געוואָרן. דאָס האָט באָראָכאָוו אויסגעגראָבן פון פאַרגעסנקייט אין פאַרשטויבטע ביכער־זאַמלונגען די אַלע ווערק פון הומאַניסטן, מיסיאָנערן, אַנטיסעמיטן און קרימינאָלאָגן, ווי אויך פון די אַמאָליקע יידישע מחברים וואָס האָבן וועגן יידיש געשריבן. די אַלע צוואָרפענע ברעקלעך האָט באָראָכאָוו צונויפגעקליבן אונטער איין דאַך, די באַדייטנדיקסטע ווערק קורץ און שאַרף געשילדערט און אָפגעשאַצט אויף אַן אָרט, און זיי געמאַכט סאַקע פאַר אַ "ביבליאָטעק" פאַרן ערשטן דור מאָדערנע יידישע פילאָלאָגן. ער האָט דערמיט געשאַפן די נייטיקע וויסנשאַפטלעכע טראַדיציע. סתם געלערנטע גריבלען זיך אין פאַקטן; אַ גאון נעמט און בויט אויס סיסטעמען און צווישן־שייכותן פון די רויע פאַקטן. די "אויפגאַבן" האָט באָראָכאָוו געווידמעט "דעם אומגערעכט פאַרגעסענעם ד"ר פיליפ מאַנש". די "ביבליאָטעק" האָט ער געענדיקט "מיט די גילדערנע ווערטער פון אַ רב, וואָס האָט געלעבט העכער דריי הונדערט יאָר צוריק".

עטלעכע יאָר נאָך באָראָכאָווס פריצייטיקן טויט אין 1917 — בעתן אויפקום פון נייעם פּאָליטישן סדר אין מזרח אייראָפּע — האָבן זיך גענומען באַזעצן אין ווילנע, "ירושלים ד'ליטא" (וואָס איז יענע יאָרן פאַרכאַפּט געוואָרן פון פוילן), אַ ריי יונגע טאַלאַנטן וועלכע האָבן זיך גענומען צו יידישער פילאָלאָגיע אין באָראָכאָווישן גייסט. צווישן זיי זענען געווען די גאָלדינגער מאַקס ווײַנרייך (1894–1969) און זעליג־הירש קלמנאָוויטש (1885–1944). דער קוידענאָווער זלמן רייזען (1887–1940). אינאיינעם

מיטן גרויסן שרייבער משה קולבאַק (1896–1940), אַ סמאַרגאָנער. האָבן זיי אָנגעפירט מיטן ווילנער יידישן לערער סעמינאַר. אינאיינעם מיטן ראָוונער, נחום שטיף (1879–1933), וועלכער האָט זיך דעמאָלט אויפגעהאַלטן אין בערלין, האָבן זיי אין 1925 אויפגעשטעלט אין ווילנע דעם ייוואָ — דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, וואָס האָט תיכף גענומען אַרויסגעבן גאָר וויכטיקע פילאָלאָגישע בענד אינגאַנצן אויף יידיש, ועל כולם, די ריזיקע בענד "פילאָלאָגישע שריפטן", אָנהייבנדיק אין 1926טן יאָר.

ווילנע איז אפשר געווען דער וויכטיקסטער צענטער אָבער לחלוטין ניט דער איינציקער. אין אַמעריקע האָבן אלכסנדר האַרקאַווי, יודאַ אַ. יאָפע און אַנדערע זיך גענומען צו יידיש פאָרשונג.

סאָוועטישע אינסטיטוטן אין מינסק, קיעוו און מאָסקווע האָבן אַרויסגעגעבן אַ גרעסערע צאָל יידיש־אַקאַדעמישע ווערק. זייער וויסנשאַפטלעכע ווערט איז אָפטמאָל פאַרמינערט געוואָרן צוליב דער פאַרקרימונג פון פאַקטן און געדאַנקען אַבי אויף צו דינען די צילן פון דער דעמאָלטיקער אָפיציעלער קאָמוניסטישער פראָפּאַגאַנדע. פונדעסטוועגן איז פאַראַן ניט ווייניק "גאָלד מיט זילבער", אפשר מער ווי אומעטום אין מינסקער "צייטשריפט" (1926 און 1928) און "שריפטן" (1929); אין קיעווער באַנד "שריפטן" (1928) און אין מאָסקווער באַנד "וויסנשאַפטלעכע יאָרביכער" (1928). מרדכי וויינגערס "שפּראַכאַטלעס", וואָס איז דערשינען אין מינסק אין 1931, שוין נאָך וויינגערס טויט, אונטער דער רעדאַקציע פון זיין סטודענט לייזער ווילענקין, איז געווען דער ערשטער שפּראַך־אַטלאַס פון אַוועלכער ניט איז שפּראַך אין ראַטנפאַרבאַנד, און פאַרשטייט זיך אַז דער ערשטער בכלל פון יידיש.


שלמה בירנבוים

אין דייטשלאַנד האָט אין די 20ער יאָרן געלעבט שלמה בירנבוים (1891–1989), נתן בירנבוימס זון, וועלכער האָט דער ערשטער גענומען לערנען מיט סטודענטן יידיש אין אַ מאָדערנעם אוניווערסיטעט. דאָס איז געווען אין האַמבורג אין 1922. אין אַ ריי געניאַלע אַרבעטן, סיי אויף דייטש סיי אויף יידיש (שפּעטער אויך אויף ענגליש), האָט בירנבוים גענומען עסטאַבלירן דעם טויזנט־יאָריקן יחוס פון יידיש.

אין וואַרשע האָט דער באַוואוסטער פאָלקיסט, רעדאַקטאָר, און אַדוואָקאַט נח פּרילוצקי (1882–1941) אַרויסגעגעבן אַ

שאָק מיט אויספּירלעכע בענד איבער יידישער דיאַלעקטאָלאָגיע. זיינע קענטעניש פון די יידישע דיאַלעקטן זענען ביי יידן געווען לעגענדאַריש. דאָ וועט קלעקן צו ציטירן פון באַשעוויסעס ליטעראַריזירטן מעמואַר, "מיין טאַטנס בית־דין שטוב":

אַזוי ווי מיין פאָטער האָט אויסגערעדט צוויי ווערטער, האָט פּרילוצקי זיך אָפּגערופן:

— איר זענט פון לובלינער גובערניע.

— יאָ. פון וואַנען ווייסט איר?

— פון אייער לשון. זענט איר ניט אַמאָל פון טאָמאַשאָוו?

— יאָ, כ'בין פון טאָמאַשאָוו.

X

נחום שטיף איז געשטאָרבן פאַר דער צווייטער וועלט מלחמה. שלמה בירנבוים האָט זיך באַזעצט אין לאָנדאָן וואו ער האָט ממשיך געווען זיין אַרבעט ווי אַ יחיד (די אייגנטלעכע שטעלע זיינע אויפן לאָנדאָנער אוניווערסיטעט איז געווען אויפן געביט פון העברעאישער פּאַלעאָגראַפיע, אַ זייער וויכטיקער תחום אין וועלכן ער איז געוואָרן דער ערשטער און איינער פון די גרעסטע וועלט מומחים). סטאַלינס רעזשים האָט סוף־כל־סוף פאַרניכטעט אַלע יידישע אינסטיטוציעס אין ראַטנפאַרבאַנד, די אַקאַדעמישע בתוכם. פּרילוצקי, קלמנאָוויטש און רייזען — און אַ סך אַ סך אַנדערע — זענען אומגעקומען (רייזען ביי די רוסן, פּרילוצקי און קלמנאָוויטש ביי די דייטשן). ס'האָט געקענט האַלטן ביי דעם אַז די יידישע פילאָלאָגיע — אין באַראָכאָווישן זין פון אַן אייגעגלידערטן קאָמפּאָנענט פון דער נייער יידישער קולטור — זאָל אויף אייביק אויסגעלאָשן ווערן אינאיינעם מיט דעם היימלאַנד פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום.


מאַקס ווײַנרייך

האָט עס דער גורל פונדעסטוועגן ניט דערלאָזן. דער גרעסטער יידישער פילאָלאָג אין ווילנע, מאַקס ווײַנרייך, איז גראַדע געווען אַ דעלעגאַט אויפן פינפטן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פון לינגוויסטן אין בריסל די ערשטע טעג אין סעפּטעמבער 1939, ווען עס איז

אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט מלחמה. מער האָט ער זיך אין זיין באַליבטער ווילנע ניט אומגעקערט. מיט אים איז געווען זיין ייִנגעלע אוריאל. זיי זענען סוף־כל־סוף אָנגעקומען אין אַמעריקע.

אין ניו־יאָרק האָט מאַקס ווײַנרייך גענומען אויפסניי אויסבויען דעם ייִוואָ אויפן יסוד פון זיין שוין עקזיסטירנדיקן אַמעריקאַנער אָפּטייל. מיט זיין גאַנצער עשירות האָט אָבער דער וואָסאַמאָל מער אַסימילירטער ייִדישער ישוב אין אַמעריקע ווייניק נוצן געהאַט אין "הויכער קולטור אויף ייִדיש". דער עלטערער דור שרייבער, לערער, לייענער — אויפהאַלטער פון דער הויכער קולטור אויף ייִדיש — האָט גענומען פאַרשוואונדן ווערן אָן יורשים. ווײַנרייך אַליין איז אָבער אין זיינע פאָרשונגען אויסגעוואַקסן אַן אינטעלעקטועלער גיגאַנט. זיין פיר־בענדיקע "געשיכטע פון דער ייִדישער שפּראַך", אַרויס אין 1973 (שוין נאָך זיין טויט), איז דאָס קרוין־ווערק פון דער מאָדערנער ייִדישער פילאָלאָגיע אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.



נח פּרליצוקי
צייכענונג פון מ. עליאָוויטש

די געשיכטע — דער חורבן, די גרעסטע קאַטאַסטראָפע פון אַלע דורות — האָט אַרויפגעוואָרפן אויף דער ייִדישער פילאָלאָגיע די נייע אויפגאַבע צו דערמעגלעכן און צו פּאָפּולאַריזירן דעם עצם ייִדישן שפּראַך־לימוד. דאָס וואָס ייִדיש איז אָבער היינט אַן אָנגענומענער לימוד אין אַ גרויסער צאָל אוניווערסיטעטן, בתוכם די בעסטע אויף דער וועלט, איז אין דער גרעסטער מאָס אַראַנק ווײַנרייכס זון, דעם טראַגיש פריי־געשטאָרבענעם אוריאל ווײַנרייך (1926–1967). אַז ער איז געווען עטלעכע און צוואַנציק יאָר, האָט ער מחבר געווען *College Yiddish* (1949), אַ לערנבוך פון ייִדיש אויפן אוניווערסיטעטישן ניוואָ, וואָס האָט מיט איין שאָס מעגלעך געמאַכט דעם אויפקום פון די איצט באַקאַנטע ייִדיש קורסן. אָן אַ מאָדערנעם לערנבוך וואָלט עס אַלצדינג געבליבן ביים חי־וקים. אויך זיין לעצט ווערק, דער "מאָדערן ענגליש־ייִדיש ייִדיש־ענגליש ווערטערבוך" (1968) רינט ביזן היינטיקן טאָג דעם לימוד פון ייִדיש איבער דער וועלט.

עס האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אַ טשיקאַווע היסטאָרישע קאָנסטעלאַציע. די וועלטלעכע ייִדישע קולטור אין אַמעריקע (ווי אויך אין אַנדערע לענדער וואו "עס איז ניט געווען ניט היטלער און ניט סטאַלין") האָט בעוונותינו ניט באַוויזן — אין אַלגעמיין גענומען — אויסצוהאָדעווען נייע דורות קענער, שרייבער, לערער, זשורנאַליסטן, קולטור פירער. מ'האָט גענומען רעדן אַז אינאיינעם מיטן לעצטן דור מזרח־אייראָפּעאיש געבוירענע קענער וועט ייִדיש גלאַט "אַוועק אין דער אייביקייט" (אויסער אין יענע חסידישע קרייזן וואו די גערעדטע שפּראַך האַלט זיך פעסט). דאָס

וואָס ס'זענען הײַנט פֿאַראַן יונגסלעכע, וואָס גיבן זיך אָפּ בלב ונפש מיט ייִדיש (ווי קליין די צאָל זאָל ניט זײַן), איז עס אַראַנק דעם אויפֿקום פֿון ייִדיש אין די אוניווערסיטעטן, און דאָס ווידער איז אַ פּועל־יוצא, אין דער גרעסטער מאָס, פֿון אוריאל ווײַנרײַכס לערנבוך און פֿון זײַן אַליין עטאַבלירן דעם ייִדיש לימוד בײַ זיך אין קאָלאָמביע אוניווערסיטעט וואו ער איז יונגערהייט געוואָרן פּראָפֿעסאָר פֿון ייִדיש אין די פֿריִע פֿופֿציקער יאָרן. די ייִדישע פֿילאָלאָגיע האָט זיך גענומען נאָכן חורבן, ניט נאָר צו לינגוויסטיק און שכנותדיקע געביטן פֿון פֿאָרשונג, נאָר אויך צום אויסהאַלטן דעם נסיון וואָס די געשיכטע האָט אויף איר אַרויפֿגעוואָרפֿן.

## XI

דער גוטער מלאך פֿון ייִדיש האָט ניט אונטערגעשוויגן.

אַז דער לימוד פֿון ייִדיש אין די צפֿון־אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן וואָלט געבליבן בײַ ז י י עלעמענטאַרע שפּראַך־קורסן, וואָלט דאָס אַלץ געווען אַ קנאַפּע רפֿואה. בכדי צוצוציִען ריכטיקע אינטעליגענץ דאַרף זײַן מער ווי דאָס.



אוריאל ווײַנרײַך

אוריאל ווײַנרײַך האָט איינער אַליין אויפֿגעשטעלט אַ נ י י ע שול אין דער זעקס־הונדערט־יאָריקער געשיכטע פֿון דער ייִדיש פֿאָרשונג: ייִדיש בתורת וועג־ווײַזער פֿאַר דער אַלגעמיינער טעאָרעטישער לינגוויסטיק.

דער יונגער ווײַנרײַך איז אַ שטערן געוואָרן אין דער אַמעריקאַנער לינגוויסטיק אין 1952, ווען עס איז דערשינען זײַן שטודיע וועגן "סאַבעסדיקן לאָסן" בײַ די ליטוואַקעס. דאָס איז ניט סתם אַ פֿאָרשונג איבער דעם פֿענאָמען אין ייִדיש און אין אַ רײ מזרח־אייראָפּעאישע שפּראַכן (סלאַווישע און באַלטישע), נאָר אויך אַ מוסטער פֿון דעם ווי אַזוי די גאָרניט געוויינלעכע געשיכטע פֿון דער ייִדישער שפּראַך קען אַ סך צושטייער געבן דער אַלגעמיינער שפּראַך־פֿאָרשונג.

אין 1953 איז אַרויס זײַן בוך "שפּראַכן אין קאָנטאַקט" וועגן די קעגנזײַטיקע השפּעות פֿון שפּראַכן וואָס ווערן גערעדט אויף דער זעלביקער טעריטאָריע. אַ סך בײַשפּילן ווערן געבראַכט פֿון ייִדיש וואָס האָט אַלעמאָל געלעבט בשכנות מיט אַנדערע לשונות.

אין 1954 איז פונעם אַמעריקאַנער שטערן געוואָרן אַ וועלטשטערן. די סטאָרעטישע לינגוויסטיק האָט פון תמיד „אַ ביסעלע קרום געקוקט" אויף דער „אַלטמאָדישער" דיאַלעקטאָלאָגיע, וואָס איז נאָכאַלעמען אויסן די מעכאַנישע איינזאַמלונג פון „איינצלנע פאַקטן". ווײַנרײַכס שטודיע, „צי איז מעגלעך אַ סטרוקטורעלע דיאַלעקטאָלאָגיע?" האָט אויף אַן אָריגינעלן טעאָרעטישן אופן (און בשעת מעשה, העכסט ספּעציפֿיש־טעכניש) צונויפֿגעבראַכט די צוויי געביטן. דער חומר פֿאַר אָט דער אַרבעט: אונדזערע מאָדערנע ייִדישע דיאַלעקטן.

ווי פֿון אַן ענדלאָזן קוואַל האָט בײַ אוריאל ווײַנרײַכן נאָכאַנאַנד געשאָטן מיט פֿאָרשערישע פּערל — וואָגיקע, יסודותדיקע ווערק, וואָס בלײַבן גילטיק און אײביק־פֿריש, ניט נאָר פֿאַר ייִדיש פֿאָרשער נאָר פֿאַר אַלגעמײנע לינגוויסטן איבער דער וועלט. אַ פּיצינקער אָפּקלײַב פֿון מוסטער־ווערק: וועגן אורשפּרונג פֿון דער כאַראַקטעריסטישער ייִדישער אינטאָנאַציע (1956); וועגן דער קולטור געשיכטע פֿון ייִדישן גראַם (1958); וועגן אשכנזישן העברעאיש (1960–1961); וועגן דער סעמאַנטישער סטרוקטור פֿון שפּראַכן בכלל (1963); וועגן צווײ־שפּראַכיקער דיאַלעקטאָלאָגיע (1964).

מ׳קען אפֿילו זאָגן, אַז דאָס אַלץ איז געווען אַ מקיים־זײַן פֿון זײַן טאַטנס אַ טרוים. אויפֿן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פֿון לינגוויסטן אין קאָפּענהאַגען, אין 1936, האָט מאַקס ווײַנרײַך געהאַלטן אַ רעפֿעראַט א.ג. „ייִדיש ווי אַן אָביעקט פֿון דער אַלגעמײנער שפּראַך־וויסנשאַפֿט" (דערשינען ווי אַ בראָשור אויף פֿראַנצויזיש).

אוריאל ווײַנרײַך האָט געגרינדעט די סעריע זאַמלביכער *Field of Yiddish*. דער ערשטער באַנד (אַרויס אין 1954) האָט מיטאַמאָל און אויף אַ גלענצנדיקן אופֿן עטאַבלירט ייִדיש אין דער אינטעלעקטועלער סביבה פֿון אַמעריקע, ניט ווי אַ „פּריוואַטן אינטערעס" בײַ אַ פּראָפֿעסאָר אַ יחיד, נאָר ווי אַ פֿאָרשונגס־געביט וואָס דאַרף און קען צוציען וואָס מער טאַלאַנטן פֿון אַלע דורות, פֿעלקער און סביבות.

זײַן גרעסטער פּראָיעקט איז געווען דער „ייִדישער שפּראַך און קולטור אַטלאַס". אַלע וויכטיקע שפּראַך אַטלאַסן אין דער געשיכטע האָט מען צונויפֿגעשטעלט אויפֿן סמך פֿון דיאַלעקטאָלאָגישע עקספּעדיציעס אָדער אָנפֿרעגן דורך פּאָסט בײַ מענטשן וואָס „לעבן אויפֿן אָרט". אָבער אַן אַטלאַס פֿון ייִדיש נאָכן חורבן?! אויך אַזעלכע וואָס נייגן צו אָפּטימיזם האָבן זיך דאָס קוים געקענט פֿאָרשטעלן.

מיט זײַן כאַראַקטעריסטישן פֿלײַס האָט זיך דער יונגער ווײַנרײַך גענומען צום פּראָיעקט. ער האָט צונויפֿגעשטעלט אַ מאַסיוון פֿרעגבויגן (אַ וואָגיק בוך פֿאַר זיך), אויסגעשולט מיטאַרבעטער, אויסגעפּועלט פֿאָנדן בײַ נאַציאָנאַלע אַמעריקאַנער וויסנשאַפֿט־אינסטאַנצן און — די זאַך אין וועג אַרײַן געלאָזן.

אוריאל ווײַנרײַך האָט באַוויזן — ניט נאָר פֿאַר ייִדיש נאָר פֿאַר דער געלערנטער וועלט בכלל — אַז מיט די ריכטיקע מעטאָדן קען מען רעקאָנסטרויִרן דאָס וואָס

י. י. זינגער האָט אָנגערופֿן: ״אַ וועלט וואָס איז נישטאָ מער״. ער האָט איינגעטיילט די טעריטאָריע וואו מ׳האָט גערעדט יידיש אין אייראָפּע אויף ״קעסטעלעך אויף דער מאַפּע״ און גענומען אויסזוכן לאַנדסלייט פון יעדן ״קעסטעלע״, די רעפרעזענטירונג זאָל זיין אַ פולע און אַ באַלאַנסירטע.

דעמאָלט איז דאָס קאָמוניסטישע מזרח אייראָפּע געווען, פאַרשטייט זיך, ״פאַרשפאַרט אויף זיבן שלעסער״, אַזוי אַז מ׳האָט ניט געקענט צוקומען צום ביסל געבליבענע יידן אין דער אייראָפּעאישער יידיש־היים. האָט מען גענומען זוכן לאַנדסלייט, דער עיקר אין ישראל און אַמעריקע. ביי זיין טויט איז שוין געווען מער ווייניקער אויסגעפאַרטיקט די פּראָגראַם פון אויספרעגן.

XII

און איצטערט־אָ וואוהין? אין אַ קיילעכדיקן פערטל יאָרהונדערט, אין 2018, וועט ווערן אַ האַלבער יאָרטויזנט פון זינט דער קריסטלעכער לערער פון העברעאיש בעשענשטיין האָט זיין מודעה, אַז ער איז גרייט יעדן אויסלערנען יידיש אין זעקס טעג, צוגעקלעפּט אויף דער טיר פון אַ רעגנסבורגער אכסניא. שוין איצט איז געוואָרן אַן ערך זעקס הונדערט יאָר וואָס רבנים גדולי תורה גיבן זיך אָפּ אויך מיט פראַגן פון יידיש.

מיר זענען ניט קיין נביאים און ניט קיין בני נביאים.
ס׳קען אָבער גריילעך זיין, אַז נביאות־זאָגן איז גאָרניט אויפן אָרט.
אויפן אָרט איז גראַדע — תכלית.

סוף יאָרהונדערט נעמט זיך פילן, וואָסאַמאָל מער פיינלעך און נאָענט, דאָס פאַרשוואונדן ווערן פונעם לעצטן דור וואָס האָט באַוויזן איינצוזאַפּן אין דער טיף די גאַנצע שפרודלדיקע יידיש רעדנדיקע ציוויליזאַציע פון מזרח אייראָפּע פון פאַרן חורבן. אַנדערש גערעדט: דער ״סעקונדערער היסלער קלאַפּ״ נעמט און וואַרפט זיך אין די אויגן ערשט איצט.

האָט די געשיכטע, בכבודה ובעצמה, אַרויפגעלייגט אויף דער יידישער פילאָלאָגיע איר סאַמע גורלדיקסטן און אָן צווייפל איר שווערסטן נסיון: ניט נאָר אויספאָרשן די שפּראַך, ליטעראַטור, פאָלקלאָר און קולטור; ניט נאָר דאגהנען פאַרן עצם שפּראַך־לימוד; נאָר וואָס דען: אויך אויפהאַלטן יידיש ווי אַ שפּראַך פון לעבעדיקער, העכערער קולטור, אַ שפּראַך אויף וועלכער ס׳ווערן געשאַפן נייע ווערק פון פּאָעזיע, פּראָזע, פאָרשונגען, אויך אַנדערע זשאַנרען, אויף אַ געהעריקן ניוואָ. אַליין אַרויסשטעלן אַ יינגעלע מיט קורצע הייזלעך, ער זאָל פּראָקלאַמירן: ״איך בין אַ יידישער שרייבער, טוט מיר אָן אַ קרוין״, ווען זיינע שרייבעכצער טויגן אויפן פייער, דאָס דערנידעריקט יידיש ביז צום מעמד פון לעכערלעכקייט און אימפּאָטענץ. דער ניוואָ דאַרף אָנערקענט ווערן מצד סקעפּטיקער, מצד מומחים מן־הצד, מצד

לייענער פֿון די געשאַפֿענע ווערק, סיי אין ייִדישן אָריגינאַל סיי איבער־געזעצטערהייט.

קיינער נאַרט זיך ניט, אַז דאָ גייט אין אַ מאַסן־באַוועגונג. דאָ גייט אין איכות, ניט אין כמות. כמות וועט אין הונדערט יאָר אַרום נאָך צוקומען פֿון די רייען פֿון יענע ייִדיש רעדנדיקע חסידים ביי וועמען די שפּראַך ווערט איבערגעגעבן אַלץ נייערע דורות.

קיינער נאַרט זיך ניט, אַז דאָ גייט גלאַט אין אַ שווערער הלכה, ס'איז קריעת ים־סוף ממש. ס'גייט אין אַ באַראָכאָווישער באַנעמונג, צוגעפּאַסט צו די הייַנטיקע אומשטענדן. די ייִדישע פֿילאָלאָגיע דאַרף הייַנט אויסשולן ניט נאָר דיאַלעקטאָלאָגן, שפּראַך היסטאָריקער און טעקסטן־אַרויסגעבער, ניט נאָר סטודענטן זיי זאָלן קענען לייענען און רעדן אויף ייִדיש, נאָר אויך — נייע דורות פּאָעטן און פּראָזאַאיקער.

צי וועט דאָס אונדז געלינגען, וועגן דעם וועט מען אונדז אַלעמען נאָך משפּטן. דערווייל דאַרף מען זיך פֿאַרקאַשערן די אַרבל, און זיך נעמען מיט אַלע כוחות צו אָט דער צוועלפֿטער און גורלדיקסטער אויפֿגאַבע פֿון דער ייִדישער פֿילאָלאָגיע.

## נייע ביכער

**אברהם ליס** — "בריוו פֿון **שלום עליכם** — 1916–1879", שלום עליכמס 713 בריוו צונויפֿגעזאַמלט, רעדאַגירט און הקדמה פֿון **אברהם ליס**, הערות און גלאָסאַר צונויפֿגעשטעלט פֿון **ישראל רודניצקי**; העברעאישע בריוו איבערגעזעצט אויף ייִדיש: **י. ד. בערקאָוויטש**, די רוסישע בריוו איבערגעזעצט: **חיים ביידער**, בית שלום־עליכם און פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ: תל אביב, 1995, 720 זייטן.

**"אָקספֿאָרדער ייִדיש III"** — רעדאַקטאָר: **הירש־דוד קאַץ**, געהילף רעדאַקטאָרן: **גענאַדי עסטרייך** און **דוב־בער קערלער**; פֿאָרשונגען, קולטור־היסטאָרישע זכרונות, וויסנ־שאַפֿטלעכע פּובליקאַציעס און קריטישע אָפּהאַנדלונגען פֿון 34 מחברים, די באַזונדערע אָפּטיילן: ייִדישע שפּראַך און ליטעראַטור אין ליטע; יצחק באַשעוויס (1904–1991); געשיכטע פֿון ייִדיש; פֿאָלקלאָר; ליטעראַטור; קולטור געשיכטע; זכרונות; רעצענזיעס; פֿון שלמה בירנבוימס עזבון; — פֿאַרלאַג "אָקספֿאָרדער ייִדיש" ביים ייִדישן אינסטיטוט אין אָקספֿאָרד: אָקספֿאָרד, 1995, 984 פּאָליאָ שפּאַלטן.

**"קולטור־היסטאָרישע שטודיעס וועגן ייִדן אין ליטע" [="ייִוואָ בלעטער, נייע סעריע, 2טער באַנד"]** — רעדאַקטירט פֿון **דוד־אליהו פֿישמאַן**; פֿאָרשונגען, וויסנשאַפֿטלעכע פּובליקאַציעס, קולטור־היסטאָרישע זכרונות און ביבליאָגראַפֿישע אַרבעטן פֿון 17 מחברים, ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט — ייִוואָ: ניו־יאָרק, 1994, 388 זייטן.

# YERUSHALAIMER ALMANAKH

Annual for Yiddish Literature and Culture

25


Editor
Josef Kerler

Associate Editor
Dov-Ber Kerler

Administrative Director
Ch. Shenker



Published in cooperation with
Three Sisters Press

Jerusalem

1995-1996

# ירושלימער

# אַלמאַנאַך

**צייטשריפט**
**פאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען**


רעדאַקטאָר: יוסף קערלער

מיטרעדאַקטאָר: דוב־בער קערלער

פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר: ח. שענקער


## 25


**אַרויסגעגעבן**
**בשותפות מיטן פאַרלאַג "דריי שוועסטער"**

**תשנ"ו**

גרינדער און ערשטער רעדאַקטאָר – **יוסף קערלער**

*

ערשטער מיטרעדאַקטאָר – **דוד ספּאַרד** ז״ל
צווייטער מיטרעדאַקטאָר – **אפרים שעדלעצקי** ז״ל

*

**22טער יאָרגאַנג**

*

אַדרעס פאַר באַשטעלונגען און קאָרעספּאָנדענץ:

שדרות אשכול 12/6
רמות אשכול
ירושלים 97764

Sderot Eshkol 12\6
Jerusalem 97764
ISRAEL

*

ISSN 0334-9594

כל הזכויות שמורות

נדפס בישראל 1996
בדפוס צור־אות, ירושלים

# אינהאַלט


אליעזר וויזעל (ניו־יאָרק) / ביים פרישן קבר פון יצחק ראַבין 7

## מזמור שיר לירושלים

אברהם סוצקעווער (תל אביב) / פּירקאַנטיקע אותיות און מופתים 10
אברהם ציקערט (מעלבורן) / עיר דוד 11
יוסף קערלער (ירושלים) / אַ שניי גאָר 13
חנן קיעל (ניו־יאָרק) / ביים כותל 15
באָריס קאַרלאָוו (וואָלווערקאָט, ענגלאַנד) / געזען האָב איך... 16

## פופציק יאָר נאָך דער באַפרייאונג

מרדכי צאַנין (תל אביב) / מאַמעשי, מאַמעשי, שלוף נישט (דערציילונג) 18
צבי אייזנמאַן (קיבוץ אלונים) / די באָבע מיטן קעסטל אין די הענט 28
שמואל האַלקין / טיפע גריבער, רויטע ליים... 31
יענטע מאַש (אַשדוד) / דער נע־ונדיק 33
אַלעקסאַנדער ליזען (לעמבערג) / אַ צלם אויף אַ יידישן בית־עולם 51
הדסה רובין (חיפה) / מיין זיידנס קאַפּאָטע (לידער) 59
אלכסנדר קאַנצעדיקאַס (רחובות) / דער אמת פונעם נעבטן 65
אלישבע כהן־צדק (רחובות) / מאַן און ווייב (קאַפּיטל פון ראָמאַן) 67
משה בערנשטיין (תל אביב) / באַשערט (לידער) 76
אריה פירסטענבערג (ירושלים) / חייקל בעל־עגלה 79
מרים שמולעוויטש־האָפמאַן (ניו־יאָרק) / פופציק יאָר נאָך דער באַפרייאונג 87

## קיום

מוסיע סטעקין־לאַנדאַו (תל אביב) / רחל־לאה די מילכיקערין און אירע בנים 91
רבקה באַסמאַן–בן־חיים (הרצליה) / ביים ראַנד פון טאָג (נייע לידער) 99
צבי כנר (תל אביב) / גילה 103
משה שטיינגאַרט (ניו־יאָרק) / לידער פון "פאַרנאַכט־צו" 110
יאָסל בירשטיין (ירושלים) / מיין חבר שלמה און איך ווילן ווערן געלערנט 115
א. לוריא (ניו־יאָרק) / האַרבסט אין ברייטאָן (ליד) 128
יעקב צבי שאַרגעל (פתח תקווה) / דריי מאָל אמן 130
הירשע־דוד מעינקעס (קאַפּעלולו, וויילז) / נח־אַנשל פון יענער וועלט 134
יוסף קערלער (ירושלים) / דור הולך ודור בא (נייע לידער) 144
יאָני פיין (ניו־יאָרק) / מיין פריינט (דערציילונג) 151
וועלוול טשערנין (קדומים) / אַמאָל און איצט (לידער) 163
אברהם קאַרפּינאָוויטש (תל אביב) / אַלץ פאַר ווילנע (דערציילונג) 169

לעאָניד שקאָלניק (ירושלים) / ווען מיר וועלן שווייגן... 178
ישראל קאַפּלאַן (תל אביב) / קאַץ און מויז (דערציילונג) 180
אלי ביידער (ירושלים) / נייע לידער 184
געננאַדי עסטרייך (אָקספאָרד) / ביי די הויכע פענצטער 187
באָריס קאַרלאָוו (וואָלווערקאָט, ענגלאַנד) / טיפער אָטעם (נייע לידער) 190

## אויפן סדר היום

ד״ר העשיל קלעפּפיש (ירושלים) / פאַר דעם אָפּשייד פון 20סטן יאָרהונדערט 197
יוסף בורג (טשערנאָוויץ) / צי קאָן מען זיין אַ יידישער שרייבער אין אַ פרעמדער שפּראַך? 207
יצחק ניבאָרסקי (פּאַריז) / וועגן דער קיעווער סעסיע פונעם וולעטראַט 210
פּראָפ. חנא שמערוק באַקומט דעם ״פּרס ישראל״ 212
מעלדונג פון דעם נייעם יידישן אינסטיטוט אין אָקספאָרד 214
דמיטרי יקירעוויטש (ירושלים) / דער ריינער טאָן 219
די ווילנער קאָנפערענץ פון אייראָפּעאישן ראַט וועגן יידיש אין אייראָפּע 220
מרדכי דוניץ (ירושלים) / אין דער ירושלמער יידישער קולטור־געזעלשאַפט 222

## ליטעראַטור און לשון

הירשע־דוד קאַץ (אָקספאָרד) / 12 שיטות, 600 יאָר: די יידישע לינגוויסטיק 225
טאָמאַס סאָקסבערגער (ווין) / אַן אומבאַקאַנטע אויסגאַבע פון ״פּאַריז און וויענאַ״ 258
חנא שמערוק (ירושלים) / אַ פּראָיעקט צו אינסצעניזירן דעם ״שטן אין גאָריי״ 264
יצחק באַשעוויס־זינגער / פּאָעטן קומען צו גאַסט 270
לזכר דוד און פייגע האָפשטיין / ״אַ שטיין אַן עבטער...״ 275
אליעזר פּאָדריאַטשיק (תל אביב) / רעפלעקסיעס אַרום דוד בערגעלסאָן 276
אברהם ליס (תל אביב) / מרדכי צאַנין — שטריכן צו זיין שאַפן 280
מרים שמולעוויטש־האָפמאַן (ניו־יאָרק) / וואָס אייגנטלעך איז יידישע דראַמאַטורגיע? 288

## מיט אַ שמייכל

דריי בריוו פון שלום־עליכם 295
יאָסל לערנער / אַזוי איז די מעשה אין פנקס פאַרשריבן (בעלעמער חכמים) 300

**ביאָביבליאָגראַפישע נאָטיצן** 307

״די פען״ און נייע ביכער פון אָקספאָרד 310

**נייע ביכער:** 75, 102, 114, 129, 143, 179, 186, 189, 209, 211, 218, 221, 257, 287, 294